STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09172

LIKHT UN SHOTN

A. Patt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליכט און שאָטן

(עסייען)

פון אברהם פּאַט

אַרויסגעגעבן פון אברהם פּאַט בוך־קאָמיטעט:

מאַקס פּערלאָוו, דינה סאַנדלער, פּיליפּ סאַנדלער, ב. פענסטער,
יוסף דזשעקסאָן, יהודה פּאַטאָוויטש, חיים לייב פוקס, נחום סומער,
איוואַ גראָמאַן, אסתר מילער, מרדכי יחסן, גאָלדע יחסן.

Copyright © 1967 *by:*

A. PATT

281 East 205th Street
Bronx, N. Y. 10467

Printed in the United States of America

אינהאַלט

אין ליכטיקן אָנדענק . . . . זייט 7
קונסט און אָביעקטיווע דערקענטעניש . . . . זייט 9
ה. לייוויקס וואָרט . . . . זייט 13
ה. לייוויקס „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים” . . . . . זייט 16
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי . . . . זייט 29
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי „חלום און וואָר” . . . . זייט 35
מלך ראַוויטש . . . . זייט 39
יעקב סטאָדאָלסקי . . . . זייט 50
אסתר שומיאַטשער . . . . זייט 57
ירמיהו העשעלעס . . . . זייט 61
פּראָפיל פון א. סוצקעווער . . . . זייט 69
מעינקע קאַץ . . . . זייט 78
פעסי הערשפעלד . . . . זייט 89
פעסי הערשפעלד „רגעס פון גענאָד” . . . . זייט 94
י. פּאַפּיערניקאָוו . . . . זייט 102
משה שטיינגאַרט . . . . זייט 108
נחום סומער . . . . זייט 114
ש. סימכאָוויטש . . . . זייט 121
לוי גאָלדבערג . . . . זייט 126
י. ה. ראַדאָשיצקי . . . . זייט 128
משה נאַדיר . . . . זייט 130
א. אלמי . . . . זייט 136
אברהם פּאַסירשטיין . . . . זייט 139
דוד ראַפּאָפּאָרט . . . . זייט 147
וואָלט וויטמאַן . . . . זייט 151

שער בלאַט געצייכנט פון א. פּאַט

געווידמעט

מיין טייערע און אומפאַרגעסלעכע פרענסעס



געשט. דעם 27־טן דעצעמבער, 1966

אין ליכטיקן אָנדענק

עס פירט זיך געוויינט׳עך, אַז ווען אַ מחבר גרייט זיך אַרויסגעבן אַ בוך איז ער פּאַראינטערעסירט אין אַ פאָרוואָרט וועגן דעם אינהאַלט און ווערט פונעם בוך, פון איינעם וועמעס מבינות אויף ליטעראַטור איז אָנערקענט.

אינעם איצטיקן פאַל איז אָבער חבר פאַט, דער מחבר עסייאיסט, געווען פאַראינטערעסירט ניט אין אַ פאָרוואָרט וועגן דעם בוך עצם אָדער וועגן דעם מחבר, נאָר אין אַן אָפּשאַץ וועגן זיין פריצייטיק פאַרשטאָרבענער חבר׳טע פרענסעס (פריידל), וועמעס אָנדענק דער בוך איז געווידמעט.

דאָס איז אַן אינגאַנצן פאַרשטענדלעכע זאַך, וויל מיטן פריצייטיקן טויט פון חבר׳טע פאַט איז אַוועק פון דער וועלט אַ פיינע און אידעלע פערזענלעכקייט, וועמעס לעבן איז געווען אַ מוסטער פון פשטות, באַשיידנקייט און ווירדיקייט. איר נאָמען פאַרדינט דערפאַר פאַראייביקט צו ווערן אויף אַזאַ אופן ווי חבר פאַט טוט עס — דורך אַרויסגעבן אַ בוך פון זיינע עסייען אין איר אָנדענק.

איך פערזענלעך האָב געקאַנט חבר׳טע פאַט בלויז עטלעכע קורצע יאָר; אָבער פאַר אָט־דער קורצער צייט האָט זי ביי מיר, ווי ביי די אַנדערע מיטגלידער פון ׳דוד בערגלסאָן׳ צווייג אַרבעטער־רינג דערוועקט אַזויפיל דרך־ארץ און פריינטשאַפט, אַז איר אַוועקגיין פון אונז האָט אונז אַלעמען שטאַרק דערשיטערט; סע איז פשוט געווען אוממעגלעך זיך רעכטן צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אָט־די אידעלע, שטילע חבר׳טע איז אַוועק פון אונז אין דער אייביקייט.

איך האָב געהערט מיינונגען פון אייניקע פון פרענסעס׳ נאָענטע פריינט, וועלכע האָבן זי געקאַנט פון יאָרן לאַנג, און זייערע דערציילונגען וועגן דעם באַשיידענעם לעבן אירן האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט אונזער ריכטיקע אָפּשאַצונג פון איר גוטן, טיף מענטשלעכן כאַראַקטער.

נאָך אפילו אײדער איך האָב זיך מיט חבר׳טע פּאָט נעענטער באַקאַנט, פלעגט איר אַרײנקומען צו אונזער אַ פאַרזאַמלונג אויף מיר מאַכן אַ טיפן רושם. איר פּאַמעליכער טראָט פלעגט מיט זיך טראָגן אַ סך חשיבות און אײדלקײט. מען האָט געמוזט אַ קוק טאָן אין איר װינקל און מע פלעגט טאַקע גלײך דערפילן די װאַרעמקײט װאָס איר אַנװעזנקײט האָט אַרײנגעבראַכט.

װי איך פאַרשטײ איז חבר׳טע פּאָט׳ס לעבן ניט געװען קײן גרינגער, אָבער ניט געקוקט אויף דעם האָט מען פון איר קײנמאָל ניט געהערט זיך באַקלאָגן. פאַרקערט, זי האָט אַלעמאָל אָנגענומען זאַכן װי זײ האָבן פּאַסירט. דאָס איז פאַר איר מעגלעך געװען דערפאַר װײל זי האָט אין איר אײגענעם לעבן װי אין לעבן בכלל געזען העכערן אינהאַלט, אויסער די עקאָנאָמישע לאַגע און אַנדערע אַזעלכע ענינים. זי איז געװען װײט פון קוקן אין די װינקלען פון לוקסוס, — זי האָט זיך באַנוגנט מיט גײסטיקער דערהױבנקײט אין לעבן.

דערפאַר טאַקע האָט זי אַלעמאָל געזוכט מער אינהאַלט. דערפאַר האָט זי, װי איך פאַרשטײ, באַװאױגן חבר פּאָטן און אַנדערע פון איר משפחה זיך אָנצושליסן אין אונזער צװײג פון אַ. ר. כּדי זיך בעסער, אינהאַלטרײכער אויסלעבן. סע איז גרינג צו פאַרשטײן, אַז חבר פּאָט׳ס ליטעראַרישע אַרבעטן האָבן געפונען דערמוטיקונג פון זײן חבר׳טע. סע איז דערפאַר קײן װאונדער ניט, אַז נאָך איר אָפּשײדן זיך איז זײן ערשטער געדאַנק געװען אָפּצודרוקן אַ בוך פון זײנע אָפּגעקליבענע עסײען אין איר אָנדענק.

יאָ, חבר פּאָט, די משפחה און פרײנט האָבן פאַרלוירן אַ טײערן, ליבן חבר און מענטש. מיר אַלע אין „חוד בערגלסאָן״ צװײג אַ. ר. האָבן פאַרלוירן אַ טײערע, ליבע און חשובע חבר׳טע. איר לעבן װעט געדענקט װערן װי אַ מוסטער לעבן און דערפאַר איז עס ניט געגאַנגען לאיבוד. װען מענטשן געדענקען אײנעם נאָכן טויט, מײנט עס, אַז דאָס לעבן װערט אין אַ גרויסער מאָס פאַרגעװיסטשט...

מאַקס פּערלאָװ,

פּרעזידענט, צװײג 44 אַרבעטער רינג

קונסט און אָביעקטיווע דערקענטעניש

ערנסט בלאָך, דער וועלט באַוואוסטער יידישער קאָמפּאָזיטאָר האָט, וועגן זיין קינסטלערישן שאַפן, אָט־וואָס געזאָגט:

„עס איז די יידישע נשמה וואָס אינטערעסירט מיך, די פאַר־שידנאַרטיקייט און וואַרעמקייט פון נשמה־אומרו, וואָס איך פיל וויברירן אין דער גאַנצער ביבל; די פרישקייט און נאַאיוויטעט פון די אבות; די פרימיטיווע ליבע פון די יידן פאַר גערעכטיקייט; די פאַרצווייפלונג פונעם פרעדיקער אין ירושלים; דער צער און טיפער זין פונעם ספר איוב; די תאווה׳דיקייט פון שיר השירים... איך שטרעב דאָס אַלץ צו הערן אין זיך און אַריבערפירן אין מיין מוזיק״.

דעם קינסטלערס האָריזאָנט ווערט אויסגעברייטערט און פאַר־טיפט דורך אָט־דער פנימיות׳דיקער דערקענטעניש. די פּאָזיטיווע דערקענטעניש איז געווענדט צו אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגענע מאָמענטן פון שעפערישן לעבן בפרט און פון לעבן, בכלל. די אינטואיטיווע תפיסה פון דער גאַנצקייט און תמצית פונעם קינסטלערס אָביעקט און ברענגען די זעאונג צו געשטאַלטיקטן אויסדרוק, דאָס איז דער עצם זין פון קינסטלעריש שאַפן. באַנעמענדיק דעם תמצית, באַנעמט דער קינסטלער דעם פרט אין האַרמאָניע מיטן כלל־גייסט.

די קעגנזייטיק דיאַלעקטישע השפעה פון פרט און כלל איז אַ פונדאַמענטאַלער לעבנס־פּרינציפּ. קונסט איז אין תוך אַ באַהויפּטונג פון לעבן אין ליכט און אין שאָטן. דאָס איז דער מקור מיט וועלכן דער קינסטלער דערנערט זיך פאַר פּאָזיטיוון שאַפן.

אונזערע האַנדלונגען און פאַרלאַנגען ווערן דורכן כלל־גייסט געצאַמט, אָבער אויך פריי, ווען מיר דערגרייכן די מדרגה פון שעפערישער זעלבסט־דערקענטעניש. די גדרים וואָס באַצוועקן צו

צאַמען אימפּולסיווע פאַרלאַנגען, זיינען דער אויסדרוק פון אונזער באַוואוסטזיניקער זעלבסט־דיסציפּלין און גלייכצייטיק די מאַניפעס־טאַציע פון פרייען ראַציאָנאַלן ווילן.

אַנדערע זאָגן, אַז גדרים און געזעצן מיט וועלכע מענטשן צאַמען זייערע אַפעקטן און פאַרלאַנגען זיינען דאָס מענטשלעכע אומגליק. זיי האַלטן, אַז דער אימפּולסיווער פאַרלאַנג, דאַרף דיקטירן מענטשלעכע באַגערן צו גליק. — אָבער דאָס מיינט ליקווידירן ניט נאָר שכל׳דיקייט, נאָר דעם עצם זין פון געזעלשאַפטלעך לעבן; ווייל האַנדלונגען אָן ראַציאָנאַלער דערקענטעניש ווערן דאָך פאַרוואַנדלט אין מאָנסטערהאַפטע חיה׳שע רעאַקציעס; דער אַזוי גערופענער „פרייער״ יחיד ווערט דאַן אָפּגעשניטן פון זיין אייגענעם קוואַליטאַ־טיוון מהות, פון זיין אייגענעם פּנים.

דער יחיד קאָן זיך רעאַליזירן דורך דער אַחדות פון דעם כולל׳־דיקן „איך בין״. דאָס איז דער זין פון וואַלט וויטמאַנס פראַזע: „איך בין מער ווי דאָס, וואָס איז צווישן מיין הוט און שטיוול״. די דערנענטערונג פונעם פּרט צום כלל קומט פאָר דורך דערפילן און שכל׳דיק באַנעמען דעם כלל־גייסט אין זיך גופא און דורך ברענגען די איינהייטלעכקייט צום אויסדרוק.

דער שייכות צווישן כלל און יחיד, איז ווי דער שייכות צווישן דער זון און די הימלישע קערפּערס אין דעם זון־סיסטעם. יעדער סאָלאַר קערפּער באַוועגט זיך אויף זיין אַקס, אָבער יעדער קערפּער באַוועגט זיך גלייכצייטיק אַרום דער זון, וועלכע איז קעגנזייטיק משפּיע דעם קערפּערס באַוועגונג. די השפּעה שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַגרענעצונג אין דעם זין וואָס יעדער קערפּער באַוועגט זיך אין דער זון־סיסטעם לויט פיזישע געזעצן; — אָבער די געזעצמעסיקע השפּעה באַשטעטיקט די שייכות פון די באַזונדערע קערפּערס אין אַ סיסטעם וואו די איינהייטלעכע אַנגעהעריקייט, ניט אונטערוואַרפנקייט, גיט אידענטישע חשיבות יעדן קערפּער באַזונדער.

אָן דער השפּעה ווערט די אינדיווידועלע חשיבות פאַרווישט און

אָפּגעווישט צו אַבסאָלוטער נעגאַציע. דורך זעלבסט דערקענטעניש ווערט אַנטפּלעקט די איינהייטלעכקייט צווישן פּרט און כּלל. — ווען די איינהייטלעכקייט ווערט נתגלה דורך דעם קינסטלערישן אויסדרוק, ווערט עס דאַן דערהויבן צו אַ סובלימער מדרגה פון פּאָזיטיווער שעפערישקייט.

דער קינסטלער פורעמט און געשטאַלטיקט דורך דער פולער דערקענטעניש פון זיין אָביעקט. דער באַגריף פון „אַריינבלאָזן פייער אין דער יצירה״, האָט אַ קנאַפּן שייכות צו קינסטלעריש שאַפן. דער אָביעקט איז ניט פאַרן קינסטלער פאַרמלאָזער מאַטעריאַל, חומר ביד היוצר; וואָס ער איז מחויב איז ניט „אַריינבלאָזן״ נאָר פאַנאַנדער־בלאָזן דאָס פייער וואָס איז פאַראַן אין יעדער פּאָזיטיווער יצירה. דורך דעם פּראָצעס פון פּנימיות׳דיקן אַנטפּלעק פונעם אָביעקט, ווערט אויך אַנטפּלעקט דאָס אייגענע פּנים פונעם קינסטלער.

דער היכל פון קונסט האָט ניט קיין ווענט און קיין גדרים. דער היכל איז אומענדלעך. די שפע פון שעפערישקייט איז איר איכות. דער עפעקט פון קונסט איז ניט סתם פאַרגעניגן; נאָר אַ הנאה וואָס גיט אינערלעכע פרייד און לעבנס־זין. אין דעם היכל ווערן סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען אַנולירט. דאָרט ווערן מענטשן באַ־ערשט מיט אַ פרייד מיט וועלכע מע טיילט זיך אַזוי גערן מיט אַנדערע. דורכן אמתן קינסטלער זיינען מיר בכוח צו זען און פילן די טראַגיק און אויך דעם טריאומף פון לעבן.

ניט דער בית התפילה, נאָר די קונסט־טעמפּלען דאַרפן ווערן די צענטערס פון דערהויבונג און מעדיטאַציע.

אין אונזער טיפן באַגער צו לעבן און אין אונזער קרעאַטיוויטעט וואָס גיט אויסדרוק צו לעבן, דערשיינט פאַר אונזער אינערלעך אויג אַ ווייט זעעוודיקער פונקט פון אַבסאָלוטער פּערפעקטקייט, וואָס לאָקט אונזער גאַנג צו העכערע מדרגות. דער גאַנג צו שלימות, איז אַ גאַנג צום אַבסאָלוטן פּאָזיטיוו, צו וועלכן מיר קאָנען קיינמאָל ניט דערגיין. סע איז אַן עוואָלוציאָנערער גאַנג פון דערהויבונג, פון

אויסגרייכן, אָבער ניט דערגרייכן. ווען דער גאַנג ווערט אָפּגעקערט צום אַבסאָלוטן נעגאַטיוו, קערן מיר זיך דאַן אָפּ פון לעבנס אויפ־גייענדיקן יאָ צום פינצטער איינגעצויגענעם ניין; פון ליבשאַפט צו האַס; צום דעסטרוקטיוון פאַרגיין. דער מענטש ווענדט זיך דאַן צום פאַרמענטשטן גאָט און דערקלערט אים טויט.

דער גאָט־באַגריף אין פּראַגמאַטישן זין, מיינט גאַנג פאָרויס דורך קאָנקרעטע מעשים, צו הייליקן רעספּעקט פאַר מענטשלעך לעבן און מענטש־ווערטן. די גאָט־אידייע איז אַ צייכן, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן איז דורכגעדרונגען מיט אַנטדעקן וואונדער און ברענגען די וואונדער צו שעפערישן אויסדרוק. דער גרעסטער וואונדער איז דער מענטש גופא וואָס איז באַשאַנקען מיט אַ כוח צו גיין פאָרויס, צו פולער אָביעקטיווער מענטש־ווערט דערקענטעניש.

ה. לייוויקס וואָרט

אמתדיק איז זיין וואָרט, ווייל דער זין און מיין פון וואָרט איז זיין עיקר. „איך זוך אין גאָר דיין טיפעניש מיין סאַמע עיקר״. דעם אמת פון וואָרט באַנעמט ער ווי דעם אומפאַרמיידלעכן אמת פון טויט און דער תמצית פון קיום קאָן נישט אָפּגעטיילט ווערן פונעם וואָרט. דערפאַר איז פאַר אים אויך קיום האומה ניט דורך יידישיזם אָדער העברעאיזם, נאָר אין דער פולער אָנערקענונג פון דער איצטיק צוויי־שפּראַכיקער קולטור פון אונדזער פאָלק. ניט יידיש און ניט העברעאיש קאָנען ממלא זיין איינע די אַנדערע; ביידע זיינען קאָמפּאָנענטן פון איין גאַנצקייט און אין ביידע איז פאַרבונדן דער גייסטיקער גורל האומה. די צוויי לשונות פון אונדזער יידישער קולטור־טראַדיציע ווערט פון לייוויקן באַטראַכט ווי היסטאָריש נויטווענדיקער קולטור המשך.

„אין שויס פון סתירה ליגט אפשר באַהאַלטן דער סוד פון יצירה״ („עס ווערן שטום די זינגער״) פון דער פּאָר — „וואָרט און טויט״ גייט אויף אַ ליבשאַפט וואָס איז שעפערישער אָנרעג און די התגלות פון זיין סתירהדיקע אָבער אויך קאָלירפולע איינהייטלעכקייט. אין זיין ליד „חשבון״ זאָגט ער: „חשבון, קום מיט דיינע קלוגע ציפער, רעכן אויך אַריין מיין שאָטן אויף דער וואַנט״... מיר זעען אים אויך ווי ער זעט דעם פּאַסטעך מיט „די ווייסע לעמער איבער גרינעם פעלד צעשפּרייט, ביים ראַנד פון פעלד ווען זון פאַרגייט. שטייט דער פּאַסטעך אין מיטן פעלד און זיינע אויגן ווערן אין דער נאַכט נאָך מער צעהעלט״. („ווייסע לעמער״). אַזוי זעען מיר די אומ־פאַרגלייכלעך לויטערע פיגור אין אַ שקיעה וואו סע שרייען ברענענ־דיקע לעמער אַלע מיטאַמאָל. — און דער געשריי איז אַזאַ אויסטער־לישער וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט געהערט. — און די וויזיע

אַזאַ פאַרנעמיקע וואָס אונדזער אויג האָט נאָך ניט געזען. די טיפע טראַגיק פון אַלע סאָציאַלע גאולות וויינט דורך די טרערן פון דער לאָם. דאָס איז זיין יידיש מאָראַל־עטישער וועלטבאַנעם וואָס איז געצייכנט מיט פייער אותיות אין אַ וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע. ער איז לאָם, קינד און נביא־קינסטלער אינאיינעם. —

מיין קול — דאָס קול פון אַלעמען, און אויך מיין פּנים — אַלעמענס,
דאָס קול פון כלל. דעם כללס. („די גאולה קאָמעדיע")

סע איז אַ קול הגבורה וואָס היפּערט איבער שטח און צייט. די אייגנאַרטיקע לייוויקשע מוזיק פון וואָרט האָט די שאַרפקייט פון אַ שווערד און דעם כוח פון בלענדיק ליכט וואָס צעצינדט. זיין פּאָעטישע יצירה איז ריין פון אַזוי־גערופענע פּסיכישע „שולד־געפילן", וואָס מערן זיך ווי מכות אויף אַ צעריסענער נשמה אין אַ וועלט פון שנאה. די פּאָעטישע גאַנצקייט זיינע איז באַשטראַלט פונעם קינד־איכות און איז אויך די סיבה פון דער ריינקייט פון זיין וואָרט. וואָרט איז פאַר אים ניט קיין מיטל, נאָר איז די נשמה גופא פונעם קינסט־לער. — קיום־האומה איז המשך פון אָט־דער נשמה. אָן דעם המשך זיינען אַלע רייד וועגן קיום אַבסטראַקטע זינלאָזיקייט.

זוכט דערפאַר אויך ניט ביי לייוויקן פינאַלע אַפּגעשלאָסנקייט, זיין וואָרט איז אַ ניט־פאַרענדיקטקייט אינעם ליכט־קרייז פונעם קינד־דיכטערישן חלום, וואָס איז העל־לויטער אַקטועלער יש. שפּאַרט זיך דאָס ליכט דורך ענגע זיגזאַגישע שפּאַלטן מיט אַ בענטשונג און לויב פאַרן דיכטער פון דער עטישער אידייע און פון איר אין פּאָע־טישער איבערלעבונג.

„ער איז אונדזער אייגענע אומרו, אונדזער תפילהדיקע שטים, אונדזער טיפע שטומקייט" (ש. ניגער).

דאָס קול פונעם שליח־ציבור פון אונדזער שטומקייט איז אין שטילקייט פאַרהוילן. שטיל אָבער ניט שטום. מיט אַלע זיינע פּנימיותדיקע חושים זינגט ער אַפילו איצטער זיין ליד. ער איז

פאַרשטילט אָבער דערהערט, ווייל די אייביקייט פון זיין אידייע „בליט מיט פרישקייט אויף זיין פנים". מקוים איז אויך דאָס פייער פון זיין „ערשטיקייט", וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט פאַרלעשן.

„— — — — — — — — — — — —
אליהו, גוטער נביא, קלאַפּ אָן אין מיין טיר
און מיין חלום פון די קינדיש ווייטע צייטן
שפרייט אויס איבער מיר דורך דיין באַריר". („חשבון")

דער סנה „ברענט אין זיין ערשטיקייט", אָבער ניט אין פאַר־שלאָסענעם קרייז נאָר אין אָן אויפזינג פון זיין פאַרשטילטקייט אַרויס אין אונדזער שטילקייט אַריין:

„כ'בין שטיל ווי דו
כ'בין שטום ווי דו —
מיין גאָט, מיין גאָט
פון לעצטער רו.

מיין גאָט, מיין גאָט
ס'איז דו אַליין,
ס'איז דיין געשריי,
ס'איז דיין געוויין

וואָס מיטאַמאָל
צעטראָגט זיך קלאַנגיק
און ווערט צעשאַלט
און ווערט געזאַנגיק („כ'בין שטיל ווי דו")

דאָס קול פון גאָט איז דאָס שטומע קול פון זיין פאָלק. דער בעל־חלום פון שלימות נעמט צונויף אַלע זיינע „נאַכט־שטיקער" און קריעות די צעשליידערטע און זוכט פאַר זיי אַ תיקון. זיין בענקשאַפט נאָך גוטסקייט איז מיט קאָלירפולע פעדים און אין סובטילע ניואַנסן אַריינגעוועבט אין זיין אַלעגאָריע און נמשל. מיט ישעיהס זיבנפאַכיק ליכט שטראַלט דער משל פון זיין ליד. וואויל איז די וואָס זיינען זוכה מקבל צו זיין דאָס וואָרט און דעם דרך פונעם פאָעט און עטישע פערזענלעכקייט ה. לייוויק.

◆

ה. לייוויקס „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים"
אין שאָטן פון דער עקידה

(לכבוד זיין זיבעציק יאָריקן יובל)

אין זיין רעפעראַט געהאַלטן אויפן אידעאָלאָגישן כינוס דעם 15־טן אויגוסט, 1957, אין מדינת ישראל, האָט לייוויק דערמאָנט אַ מאָמענט וואָס קאָן אונדז העלפן פאַרשטיין דעם עצם פון זיין שאַפן בכלל און ספּעציעל זיינע לידער אינעם בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּל־בוים". ער האָט געזאָגט:

„און איצט צום סוף, דערלויבט מיר צו דערציילן אייך עפּעס וועגן מיר פערזענלעך. עפּעס וועגן מיר — דעם פּרט אין דעם כלל ישראל. עפּעס וואָס גייט מיר נאָך אַ גאַנץ לעבן. עפּעס וואָס איז געשען מיט מיר ווען איך בין אַלט געווען ניט מער ווי אַ יאָר זיבן און היינט, ווען איך בין שוין ערב זיבעציק, שטייט עס פאַר מיר ווי דאָס וואָלט געשען ערשט היינט". („צוקונפט", אָקט. 1957, „דער ייד — דער יחיד")

און דערציילט האָט לייוויק וועגן עטלעכע געשעענישן וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין איין טאָג פון זיין זיבניאָריקן עלטער. אויף זיין וועג צום חדר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קלויסטער און מיט קינדישער קוריאָזיטעט געפאָרשט דעם אינעווייניק. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט די לאַפּע פון אַ גרויסן בייזן גוי, וואָס האָט אַראָפּגעריסן דאָס היטל פון זיין קאָפּ און עס אַ שליידער געטאָן ווייט אין גאַס אַריין. דאָס זיבניאָריקע קינד האָט אַ טיף באַליי־דיקטער זיך געפרעגט: — צי זאָגט דען אַ ייד, אַז אַ גוי מוז אָנטאָן זיין היטל ווען ער גייט פאַרביי אַ שול? — און ער האָט ווייטער דערציילט, ווי ער האָט אינעם זעלבן טאָג געלערנט אין חדר די סדרה וירא, וואו עס ווערט געשילדערט די יצחק־עקידה, און ווי די

אויגן פונעם יצחק־יינגעלע האָבן אומזיסט געזוכט דעם שעפּס־קרבן. זיינע אויגן זיינען פלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שעפּסענער שטומ־קייט, ווייל ער האָט אויף זיך דערפילט די שטריק פון דער עקידה...

פאַר דעם זיבניאָריקן לייוויק איז גאָט־ליבשאַפט און גאָטס־פאַרכטיקייט שוין דאַן געווען אין שאַרפער סתירה צו חלף און קרבן. אויף זיין אייגענעם קינדישן גוף האָט ער דעמאָלט דערפילט די שטריק און זיינע אויגן האָבן פלוצים דערזען איבער זיך דעם בלאַנק פונעם חלף אינעם בליאַסק פון אייגענעם קאַיאָר און אַן אינערלעכן דראַנג פון דעם זיך צו ראַטעווען. אַט־די לייוויקשע אויגן פרעגן דעם אייביקן פאַרוואָס?

מיט אַ נדר צו צערייסן די אייגענע שעפּסענע שטומקייט, האָט ער שפּעטער באַגעגנט די סאָציאַלע אומרעכטן און סתירות. איבער־הויפּט איז זיין לשון פול געוואָרן מיט מרידה קעגן די צעשפּליטערטע דרכים, וועלכע פירן כלומרשט צום „אידעאַלן אַבסאָלוט" דורך מקריב זיין דעם יחיד. אין די אין־קייטן־פאַרפּעטעטע טעג זיינע און נאָך שפּעטער ווען „קין" האָט זיך באַוויזן אין גאַרב פון וועלט־גאולה, האָט דער דיכטער זיך אָנגעקלאַמערט אָן דער קלענסטער ליכט־שפּאַרונג און זיך באַפרייט אין זיינע אייגן געבענטשטע רגעס: ווי ער וואָלט געוואָלט, אין אַט־די רגעס ליכט, גובר זיין די לאַנג אויסגעצויגענע שאָטנס פון אומקום.

די טרייסט אַז יצחק איז אָפּגעקומען אָן שפיכת־דם האָט דעם לייוויק־יינגעלע ניט צופרידנגעשטעלט, ווייל „וואָס וואָלט געווען ווען דער מלאך פאַרשפּעטיקט אויף איין רגע?" — האָט ער דאַן אַ וויינענדיקער געפרעגט זיין רבין.

— און פאַרוואָס האָט יצחקס פלאַץ געמוזט פאַרנעמען דער אומ־שולדיקער שעפּס? — — —

די פראַגעס וועלכע האָבן געמאַטערט דעם זיבניאָריקן זיינען ווידעראַמאָל אויפגעשוואומען פאַר דעם זיבעציקיאָריקן לייוויק אין

זיין בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים״: — „צי טאָר אַ לײדיקער דער שטײן־מזבח נישט פאַרבלײבן, צי עמעצנס אַ גאָרגל מוז געשניטן זײן סײ־ווי?״

„ווי די הערנער פאַלן צו דער ערד, ווי אָפּגעהאַקטע צווייגן
דער שעפּסן־קאָפּ ווערט פּלוצלונג גרוי ווי ס׳וואָלט אַ מענטשנס זײן,
די אויגן וואָלטן אפשר וועלן שרײַען, נאָר — זײ שווײַגן
אין בונד מיט יצחקס שווײַגעניש וואָס איז אין זײ אַרײַן״. (ז. 72)

האָט זיך דאָך טאַקע דער מלאך פאַרשפּעטיקט און דער דיכטער איז פול געוואָרן מיטן רעש פון דער יצחק־שווייגעניש וואָס איז אין אים אַרײַן. אָט־די „ערשטע ייִנגלשדיקע זעאונג״ איז איבערפולט מיט צדק צו דער שטומקייט פון יסורימדיק לעבן וואָס שרײַט אויס אין שווײַגן דעם עלעמענטאַר־טראַגישן „פאַרוואָס?!״ די „זעאונג״ ווערט דאָס גרויסע ליכט אין מסירת־נפש פאַר לעבן.

אָבער פּונקט ווי ער האָט מיט זײַנע „לידער ווי שניי״ אַנט־פּלעקט דער וועלטס סאַדיסטישע מעשים, אַזוי האָט ער מיט זײַנע לייד־לידער זיך פאַרפאַנצערט קעגן זײ אין טעג פון גרויסן נסיון. דאָס איז דער יסוד פון זײַן קאַלירפולן חזיון און דער גרונט־מאָטיוו פון זײַן שירה. — „דאָס לעבן מיינס דאָס עוליקע צום אָנהייב קערט זיך אום״ (ז. 47).

אײַנגעהילט אין טאַטנס טלית הערט ער מיט יראה זײַן קול:

„ניט אַנדערש, אַז איך הער דעם טאַטנס קול
— — — — — — — — — — —
דער טאַטע, ווי נאָר ער דערהערט מײַן טראָט,
הייבט אָן צו זאָגן מיט אַ דוכן־קול:
— יברכך, זאָל דיך בענטשן גאָט,
אַפילו אַז דו גייסט אין טויטן־טאָל״.

אָבער טאַטנס קול הערט ער צוזאַמען מיטן עקידה־מאָטיוו:

„אין פּאַזע־וואַלד ביים לאַנקע זוים
אַ קרבן־שעפּס ליגט שטיל דער אַמאָל,
איז קום איך צו צום יינגסטן בוים
און גלעט אים ווי מען גלעט שעפּסן־וואָל". (ז. 53)

ער טראָגט אויף זיך אַן אחריות פאַר אומשולדיק אומגעבראַכט לעבן און עפּעס מאָנט אין אים דין־וחשבון. לייוויק ווענדט זיין אויפמערק צו די פּאָזיטיווע יישן אין ווערן. ער איז אומצוטיילבאַר פון זיינע ערשטקייט־איבערלעבענישן. ווייל מיט דעם צוריקבליק ווערט אַנטפּלעקט דער קערנדיקער אמת וואָס איז אויפגעגאַנגען אין אים מיט פגמלאָזער טהרה. ער זאָגט: „נאָך אַלע געזאַנגען — אַ ליד אויף צוריק". דערפאַר איז נאַטירלעך דער אָנהייב, אין זיין בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים", מיט דער טראַגישער נאָטע פונעם יינגעלע־מאָטיוו: (ונער קטן ינהג בם — ישעיה הנביא)

„דיין חלום גרויסער נביא, חלום ווידער,
באַוויַיז זיך ווידער איבער חרובדיקע ווענט,
ניט קוק וואָס דער וואָס רופט זיצט אַ מידער —
דאָס קלאָגט ער אויפן יינגעלע וואָס ליגט פאַרברענט".

פשוטע רופנדיקע רייד איבער חורבות וואו ער האָט „אָנגערירט טויט מיט די פינגער". ווי דער נביא איז זיין קלאָג געמישט מיט טרייסט. מיט פּאַטעטישער גבורה שטייגט ער פון טויטן־טאָל מיט „בגיא צלמות לא אירא רע" אויף די ליפּן. עס דוכט זיך ווי ער וואָלט געפּליסטערט אין דער שטיל די רייד פונעם נביא: „צוואָס מיר אייערע קרבנות? — אייערע הענט זיינען אין בלוט געטונקען. וואַשט איך, רייניקט אייך פעלקער פון דער וועלט?" — אָבער אַן איבערפולטער מיט צער רופט ער אויס:

„קיין איין פּאַגראָם מיט ווערטער ניט צעטריבן,
מיט ווערטער ניט אָפּגעשטעלט קיין איין געטאָ־טויט ;
— — — — — — — — — — —
וויפל אָפּענע ווערטער שוין אַרויסגעשפּראָכן —
און קיין איין תפיסה־טיר ניט געעפנט מיט זיי ;
קיין איין פּאַר קייטן מיט ווערטער ניט צעבראָכן,
קיין איין שפּריץ בלוט ניט ווייס געמאַכט אין שניי". (ז. 287)

די באַצווינגנדיקע גרויסע הענט קאָנען ניט איינגעהאַלטן ווערן בלויז מיט פּראָפּעטישע רייד. דער מאַן לייוויק פילט זיי אָט־די הענט צוזאַמען מיט דעם קינד־לייוויק וואָס איז אין אים אין כולו טהרה. ער זוכט זיך אין דער וועלט וואו דער מלאך האָט פּאַרשפּעטיקט איבער אַ ריזיקן טייל פון אונדזער פאָלק. שטייט ער אין זיין זיבנ־יאָריקן פּחד פאַר די אויסגעוואַקסענע שטאָלענע שטאָלענע הענט און אָט איז ווידער די עקידה... אָבער איצטער אינמיטן פון דער יצחק־שוויי־געניש, זינגט ער אָבער זיין געזאַנג פאַרן נייעם לעבן וואָס גייט־אויף אין מדינת ישראל, כאָטש עס איז דורכגעפלאָכטן מיט דאַרנדיקייט און פּיין...

„— אויך דו זאָגסט — איך בין ניט קיין מחותן,
כ'דאַרף שטיין ביי דיין טויער פאַרשעמט, —
און איך זאָג : זאָל דיר זיין צום גוטן,
צו גליק וויפל ס'האַרץ נאָר פאַרנעמט". (ז. 201 „צו ישראל")

וויפל גילגולים ער זאָל ניט דורכגיין אין זיין הייסער ליבשאַפט צו לעבן, הערט ער ווי עס —

„גיט עפּעס ווי אַ בליץ, אין דיר ווייטע עבר־יאָרן —
פון גאָר די ערשטע טעג דיינע, — אַ וואונדער־טרוים
— — — — — — — — — — —
עס וויקלט דיך אַרום די זון, עס טרינקט דיך אָן אַ רעגן
און עס קומט דיין וועלט וואָס נאָכן שטאַרבן צו איר קוואַל צוריק".
(ז. 158)

דאָס איז דער דינאַמישער כּוח וואָס קאָלירט זיין דמיון איז זיבנרעגנבויגיק פאַרבן. ער איז פול מיט גרויסע שפע ווי דער פאַנאַנ־דערגעבליטער עפּלבוים מיט וואָרצלען געזונטע און וואָס איז אָבער נע־ונד אין רוים; וואָרצלען וואָס לעכצן איינגעוואָרצלט צו זיין.

לייוויק טראַנספיגורירט זיך אין פיל געשטאַלטן און זוכט דורך זיי אַ פּירוש וועגן זיך גופא. אָבער אין אַלע זיינע טראַנספיגוראַציעס איז ער דערזעלביקער און אין גרונט דער גאַנצער לייוויק, ווייל דאָס וואָס ער בענטשט שטרייכט בלויז אונטער זיין אייגענע גע־בענטשקייט:

„— איז וואויל איז צו דעם וואָס פאַלט מיט זיין שטערן
צום פרילינגשן ברעג פון אַ ווייטיקן שליאַך,
און לייגט־צו זיין האַרץ צו דער ערד, כּדי צו ווערן
ווי שטויב, אויף אַ רגע אַ דוממשע זאַך.

און דעמאָלט געשעט אַז דער דומם צערעדט זיך,
ווייל ס'האַרץ פונעם מענטש גייט אַריין אינעם שטויב;
דער שטויב ציטערט־אויף, און טוט תּפילה, און בעט זיך,
און ס'האַרץ ווערט פאַרגאַנגען אין דוממשן לויב". (ז. 132)

זיין ליד שוויגט־אויס דאָס געזאַנג פון באַהעפטונג. סע איז אַ געזאַנג וואָס מע דערפילט הינטער און איבער די פערזן און פון דער אַנטפּלעקטער גאַנצקייט פון דער פּאָעטישער פערזענלעכקייט. זיין פאָרעם איז גראַציעז און לייכט וואָס ווייעט מיט אַ קוים־באַריר אין דעלינירטער געמאָסטנקייט.

אין זיינע „אַ פּאָר ווערטער" צו זיין בוך „לידער" פון יאָר 1932, זאָגט דער פּאָעט:

„די כּוונה מיינע איז צו שאַפן סיי אין זיך, סיי אין לייענער אַ פאָרשטעלונג פון עפּעס אַ גאַנצקייט אַזאַ, אַן אַנונג פון אַ דער־נענטערן זיך צו יענעם צושטאַנד, צו וועלכן יעדער מענטש

ציט זיך אַ גאַנץ לעבן, צו אָפּנקייט פון זיין אינערלעכן אמת און צו זיין רייפער קלאָרקייט. איך זאָג: דערנענטערן זיך — ווייל אָנקומען — ווער ווייס ווען דאָס וואָלט געשען און ווען איז מען זוכה דערצו?״ —

די פראַגע וואָלט איצט באַדאַרפט געשטעלט ווערן פון אונדז, צי מיר זיינען זוכה משיג צו זיין די אָפנקייט פון זיין אינערלעכן אמת וואָס ער האָט מיט אַזאַ רייפקייט פאַנאַנדערגעבלעטערט אין זיינע לידער און ספּעציעל אויף זיין דערמאָנטן אַרויסטריט ביים אידעלאָ־גישן כינוס אין מדינת ישראל?

לייוויקס ליבשאַפט פאַר לעבן איז קאָנקרעט, אָפּגעזען פון זיינע אומוואַנדלונגען פון געדאַנק אין חלום; כאָטש די מחיצה צווישן זיין וואָר און חלום איז גאָר אַ דינע. דאָס קאָן מען למשל דערפילן אין זיין „אַ מעשה מיט אַ בוים״:

„אַ מענטש איז געקומען אין וואַלד
צו אויסהאַקן אַ בוים,
האָט דער בוים געמאַכט אַ גוואַלד
איבער אַלע עקן וואַלד.

וויגט פאַנאַנדער דער מענטש זיין האַק
מיט דעם כוח פוןביידע הענט,
דערפילט ער מיטאַמאָל אויף זיין באַק
ווי אַ גלוטיקער פייער ברענט.

גיט דער מענטש צום צווייטן מאָל
מיט דער שאַרפער האַק אַ פאָך,
דערשפּירט ער ווי זיין רעכטע האַנט
גיט זיך מיטאַמאָל אַ בראָך.

דערביי גיט דער בוים זיך אַ ריס
פון באָדן און רייסט זיך אַרויס,
נעמט לויפן מיט אמתע פיס
אין פחד שעה־איין, שעה־אויס.

ער יאָגט איבער באַרג און טאָל,
ביז נאַכט פון פרימאָרגן אָן.
ער לויפט און שרייט אויפן קול:
איך וויל ניט צעהאַקט זיין אויף שפּאָן". (ז. 142)

דאָס קול פונעם בוים איז לייוויקס קול... צום סוף טרייסט ער זיך: „ס'איז פשוט אַ חלום געווען". זיין וואָר וויל סע זאָל זיין חלום. אָבער אין דעם חלום איז דאָך פאַראַן אַזויפיל וואָר; אַזויפיל אין דעם גוואַלד פונעם בוים: „איך וויל ניט צעהאַקט זיין אויף שפּאָן".

סע איז נישטאָ קיין מלאך און נישט קיין שעפּס. סע איז נישט מער ווי חלום. אָבער נישט קיין חלום איז דער חלף איבער אַ פאַרגליווערטן „פאַרוואָס" וואָס שטאַרט דער וועלט אין פּנים. האָבן חכמים געטראַכט און געטראַכט איבער דעם וועלטישן פּלאָנטער אַרום פאַרבלוטיקטן חלף. — און געדאַכט האָט זיך זיי, אַז סע איז געפונען געוואָרן די סיבה וואָס איז גורם דעם פּלאָנטער אַרום אַלע „פאַר־וואָסן". און אַ רעש האָבן זיי איבער דער וועלט צעטראָגן, אַז דער רצון איז ניט אין מענטש נאָר אין די רעדער, אויף וואָס עס פאָרט דער מענטשלעכער פּראָגרעס... דער ראָד איז גאָר געוואָרן דער נייער אַבסאָלוט און אור־סיבה פון אַלע סיבות אין וועלכן סע איז אַריינגעדרייט דאָס גולמדיק לעבן פון זיין באַשעפער.

סע איז נישטאָ קיין מלאך און נישט קיין שעפּס. דער סך־הכול: אַ דערשטיקטע און צעבלוטיקטע וועלט אונטער די רעדער... אַזוי האָט דער מאַרקסיסטישער גולם מיט „פויסט און האַק" באַפרייט דעם פּראָגרעס פון די רעדער אין געדריי איבער מענטשלעכע לעבנס.

קעגן די פינצטערע וועגן צום „עיקר העולם", דערהייבט לייוויק דעם עיקר האדם. גאולה באַווייזט זיך ניט דורך דעם צעשפּליטער פון ליבע־דעקלאַראַציעס צו דער מענטשהייט און מאָרד איבער מענטש, נאָר דורך דערהייבן מענטשלעך לעבן צו אומבאַרירלעכער

הייליקייט. דער רצון פאַר מענטשלעכע מעשים איז ניט אין דעם עולם הרוחניות און ניט אין דעם עולם הגשמיות; דער רצון איז אינעם מענטש גופא וואָס איז רוחניות און גשמיות אינאײנעם. פון אַלע ניט־געלייזטע וועלט־פּראָבלעמען איז דאָס די צענטראַלע פּראָבלעם מיט וואָס זיין דיכטונג איז דורכגעדרונגען.

מיט דער ליבשאַפט־איבערלעבעניש קומט צו אים „די רגע פון נייער דערוועקונג: דער מענטש הייבט זיך אויף פונעם שליאַכיקן ראַנד, און לאָזט זיך, באַגאָסן מיט פרייד פון נייער אַנטפּלעקונג". — און אַזוי שטייגט ער אין זיין נע־ונד:

„כ׳האָב אָנגערירט מיט מיינע ליפּן די ערד,
און דער טעם איז געווען האָניק־זיס;
מיט יעדער רגע האָט די זיסקייט זיך געמערט
און דורכגענומען מיין גוף ביז די נעגל פון די פיס.

דערנאָך האָב איך צוגעלייגט די ליפּן צו אַ בוים,
און איבערגעגעבן צום בוים דעם זיסן טעם,
און דער בוים האָט עס איבערגעגעבן דעם גאַנצן רוים,
ווען דער טאָג האָט געברענט אין שקיעה־פלאַם.

— — — — — — — — — — —

דערנאָך האָב איך געהערט ווי דער וואָרצל זאָגט:
דער גוף פון אַ מענטש קאָן אויך וואָרצלדיק זיין,
און די האָניקדיקע זיסקייט, וואָס אַ ליפּ פאַרמאָגט
קאָן אויך שטראָמיק אין דער ערד־טיף אַריין". (ז. 121)

דורך אָט־דער פאַנטעאיסטישער געבענטשקייט איז ער זיך מתיחד מיט אַלץ וואָס לעבט. דאָס איז שפּינאָזיזם אין פּאָעטישן אויפפּאַס. פאַר לייוויקן איינגעוואָרצלקייט איז אַ טיף עמאָציאָנעלע אַקטועלקייט און גלייכצייטיק די סובסטאַנץ פאַר מענטשלעך אוניווערסאַלער דער־הייבונג. ער איז אַזוי אַרום מתקן זיין אייגענע גאַנצקייט. — און זיין פענאָמענאַלער איינבילד־כּוח שפּינט־אויס אַן עיר־מקלט אין שאָטן פון

דער אימהדיקער מענטש־וועלט און פאַרוואָרצלט דאָרט זיין שטראַלנ־דיקע אַליינקייט. אָבער אויך דאָרט איז ער ניט אַליין. זיין עיר־מקלט איז פול מיט אויסגעדמיונטע געשטאַלטן מיט אַ וועלט־שליחות. די אַלע געשטאַלטן זיינען אָבער די התגלות פון זיין געשטאַלט גופא, וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער פילקאָליריקער און טראַגישער געשטאַלטקייט פון זיין פאָלק.

ער איז נסתר אין זיין התדבקות מיט דער דוממשער וועלט, ער ווערט אָבער אַזוי אַרום אויך נגלה. בלאָנדזשען מיר זוכנדיק אים אין זיינע בלאָנדזשענישן צו זיך גופא, — סיי ווען ער רעדט דורך בוים, אָדער ווען בוים רעדט דורך אים; סיי ווען עס צערעדט זיך דער וואַלד אויף דער שוויגנדיקער לייוויק־שפּראַך; אָדער ווען עס צערעדט זיך דער דיכטער אויף וואַלדס שוויג־שפּראַך, איז דאָס אַן אומקער צו זיך און דער אַנטפּלעק פון דער שאַפנדיקער פּערזענ־לעכקייט. אַזוי קומט פאָר די פאַראיינטקייט פון אַ פאַר׳לייוויק׳טער דוממשער וועלט. פון דעם סתירהדיקן שידוך ווערט געבוירן דאָס לייוויק־ליד:

'איך הענג צווישן טויזנטער בלעטער
אין שותפותער ריטמישער ריי
ביז טיף אין דער נאַכט אין דער שפּעטער
אין פלאַטער אינאיינעם מיט זיי.

איך הענג און איך הער נישט אויף טרינקען
פון טיפן אור־שטאַמיקן קוואַל,
ביז וואַנען עס הייבט אַן צו ווינקען
דער ערשטער פאַרטאָגיקער שטראַל.

דער שטראַל ווען ער צינדט זיך פאַנאַנדער,
דערוויסט מיך אַן אַנדערן שוין;
אין שפּאַן אין זיגזאַגיקן וואַנדער
צוריק איבער זאַמד, איבער שטיין.

איך וואָגל דורך טאָגיקע שעהן,
קריך דורך זייער פעלזיקייט קוים, —
אַ נס, וואָס איך קאָן זיי באַיאָען
מיט געגאָד פון אַ בלאַט פון אַ בוים". (ז. 114)

אין לייוויקן וואַכט דאָס לייוויק־קינד באַשטראַלט מיט ערשט־קייט און מיט גלויבן אין דעם זין פון ווערן. דאָס לייוויק־קינד איז דער געוויסן צו וועלכן אַלץ איז באַהאָפטן מיט דינסטע פעדים פון ביטחון; אַ גלויבן, אַז די וועלט ווערט געפירט פון — און צו — אַ העכערן זין, אָפגעזען פון די טראַגישע זיגזאַגן פון לעבן. אָן דער אמונה איז אַלץ אומזין. — נאָך אַלע טראַגישע געזאַנגען גייט־אויף אין אים דאָס ליד אויף צוריק; דאָס לויטערע אייביק אמתדיק ליד; דאָס ליד פון „באַיאָאונג" און קינדישן ביטחון פון זיין פאָלק און פון גאַנצן מענטשלעכן מין צום נייעם אָנהייב פון ווערן. — מיטן רעכטן אויג נעמט ער די וועלט אַרום, אָבער איבער דעם לינקן, ציט זיך אַראָפּ אַ דין דעכל. וואָס באַשירעמט זי און היט זי בסתר. ווילן מיר אים דאָן פרעגן מיט זיינע אייגענע רייד:

„ווען דו ביסט שוין ווייט אַ פאַרשוואונדענער
אין טאָג־ליכט און העלן צעשטראַלטן,
ערשט דעמאָלט פרוביר איך אַ פרעג געבן:
וואָס טראָגסטו אין האַרצן באַהאַלטן?" (ז. 62)

אין זיין „זיגזאַגיקן וואַנדער" ווערט ער דורכגענומען אויך מיט דער ביטערניש „ביז צו די נעגל פון די פיס". ער דערפילט ניט נאָר דעם צאָרן קעגן יידיש פיזיש לעבן, נאָר אויך דעם קין־קאָמפּלעקס קעגן יידיש לשון און יידיש קולטור־לעבן. נאָך איידער סע האָבן זיך אָנגעהויבן די שחיטה־יאָרן האָט ער איראָניזירט:

„גיט אים אַ האַלז
אַ וואָרעמען,
אַ פול בלוטיקן;
דעם חלף איז קאַלט,
דעם חלף איז אומעטיק". (לידער פון אומקום, יאָר 1932)

ער שטייגט פונעם טויטן־טאָל מיט זיין לויטערן זיבניאָר־צייכן:

„נאָך אַלע געזאַנגען — אַ ליד אויף צוריק,
צו טרייסט־ליכט וואָס נעמען זיך צינדן,
פאַרכאַפּ די האַנט וואָס גרייט שוין די שטריק
דעם קרבן אויפסניי צו בינדן". (ז. 248)

אַזוי שנירלט זיך דורך דער עקידה־מאָטיוו אין דעם בוך פון דריי הונדערט און זיבעציק זייטן. אַפילו „אויף יענער זייט טויער" וואָס רופט זיך „לעצטקייט", זאָגט ער:

דאָס געזאַנג פון די אָנהייבן
„כ'וועל זינגען אויפסניי
לעצטקייט".

פונקט ווי די ערשטקייט איז ניט אַבסאָלוטער בראשית, אַזוי איז לעצטקייט ניט קיין אַבסאָלוטער סוף. לעצטקייט איז די רייפע פול־קייט און סע איז אַ זכיה תופס צו זיין אין זיך דעם צונויפטרעף פון ערשטקייט אין אַזאַ לעצטקייט. סע איז דאָס געזאַנג פון קרייז אין גאַנג צו שלימות. קרייז, זאָגט לייוויק, איז די העכסטע דערגרייכונג וואָס ווערט אָנגערירט דורך די פליגל פון גאָט. דאָס איז דעם יחידס קרייז אין קרובהשאַפט מיט דעם אין־סוף. ערשטקייט און לעצטקייט קומען זיך צונויף, דער קרייז ווערט אָבער קיינמאָל ניט געשלאָסן; ווייל דער צונויפקום טראָגט די זריעה פאַר נייער ערשט־קייט. אין דעם דערנענטערן זיך צו גאַנצקייט אין זיך גופא „צו וועלכן יעדער מענטש ציט זיך אַ גאַנץ לעבן", אַנטפּלעקט זיך דאָס לויטערע ליכט פונעם יחיד:

וואונדער־ליכט
פון אויגן צוויי
סוף מיט אין־סוף
לויכט אין זיי". (ז. 39)

אין דעם וואונדער־ליכט זיינען אויסגעפורעמט לייוויקס געשטאַלטן, אַלעגאָרישע רעיונות און קאָנקרעטע אמתן. ער זאָגט און זינגט שירה אין אויסגערונדיקטן רעזאַנאַנס. זיין קול קלינגט מיט אַ ווידערקול פון דערבייאיקייט צו ווייטקייט; פונעם איצט צום עבר; פון זיין פאָלק צו אוניווערסאַלקייט. בסבר פנים יפות טראָגט ער אונדז אַנטקעגן זיין ליד. מיט ערדישער פשטות און מיט וועלטלעכער אימפּאָזאַנטקייט איז דורכגעדרונגען זיין חכמת העיקר. לייכט און דין, און מיט אינעווייניקסטער איינהייטלעכקייט איז זיין פּאָעטישע תפיסה. זיין ליד איז צענטריפוגאַליש און באַהעלט מיט דער לויטערקייט פון זיין אור־אימפּרעסיע: פונקט ווי זיין סטראָפע איז אַרכיטעקטאָניש פאַרשפּיצט אין דער לעצטער שורה, אַזוי איז דער זיבניאָר־צייכן פון זיין פּאָעטישן חיזיון אין שאָטן פון דער עקידה...

ער זעט זיך אין דעם עפּלבוים, ווייל —

„פאַרכישופט האָט מיך ווי אַ געטלעכער סוד

זיין שטיין אויסגעקרימט אין דער פראַכט פון זיין שפע געלאָדן”. (ז. 130)

אָט־אַזוי דערשיינט פאַר אונדז דער דיכטער. — נישט ווי אַ בלאַט אויפן בוים, נאָר ווי דער עפּלבוים גופא מיט „שפע געלאָדן”, דאָס איז לייוויק אַליין; דער דיכטער פון דער פאַנטעאיסטיש פּאָעטישער איבערלעבעניש.

◆

דער „עלעגאָווי" מאָטיוו אין ב. י. ביאַלאָסטאָצקיס בוך „ליד צו ליד"

אין זיין בוך „חלום און וואר" זאָגט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי וועגן דוד איגנאַטאָוו:

„קונסט איז גאַנג צו האַרמאָניע, גאַנג צו געשטאַלטונג; אַלץ אַנפּלעקט זיך דורך געשטאַלט. און געשטאַלט מיינט שלימות, סובלימאַציע; געשטאַלט דורך אַלערליי שטרויכלונגען, דורך שיקזאַל ראַנגלענישן, דורך מיסטעריע. און יעדע געשטאַלט קומט מיט איר אייגן ליכט. ליכט און ליכט!" (זייט 331)

דער טעזיס קאָן דינען ווי אַ וועיזער און מורה דרך צו זיין אייגן בוך „ליד צו ליד". —באַוועגט זיך געשטאַלט ווי אַ פּענדולום פון צייטן און מיט כוח פון ניגון ברענגט ער אַראָפּ דאָס „מלכותדיק ליכט"... און אָט דוכט זיך ווי ער וואָלט, אין די לאַנג אויסגעצויגענע שאָטנס פון קלויז, איינגעהאַלטן דעם פּענדולום פונעם אַהער־און־אַהין און מיט גרויס געהער און וואונדער, געוואַרט אויף אַ קול און אויף אַ נס... — מיט אַזעלכע קלויזישע תנועות און מידות ריכט דער דיכטער אָפּ חצות, דאָרט וואו דאָס געשטאַלט פון „עלעגאָווי" צוזאַמען מיט די קדושים פון „חורבן בית שלישי" זיינען מיט בלוט־פּעדים אַריינגעצויגן אין די שאָטנס פון די ווענט און מיטן טראַגישן אַקאָרד פון איכה, זאָגט ער אין „די לעגענדע: ווילנע":

„אַ וויפל מאָל האָב איך אין נאַכט פון טרערן
געזוכט אַ טרייסט אין דורותדיקער שריפט,
עס זאָל מיין צער ווי אַלעמאָל אַ פעסטונג ווערן
כאָטש בלוט האָט דורך דער פעסטונג געטריפט.
אַ וויפל מאָל! נאָר שווער איז מיר אַצינדער
ווי ירמיהו, צו זוכן טרייסט אין בלוט פון קינדער;
אין לעצטער נאַכט צום לעצטן חצות". (ז. 394)

וויפל מאָל מיר זאָלן אָט־דעם ניגון ניט האָבן שוין געהערט, זאָגן מיר: כל המרבה לספר הרי זה משובח.

סע איז דאָ נחמה אינעם וואָרט. דאָס וואָרט פאַרגרינגערט שווערע משאות וואָס ציען אומרחמנותדיק אַרונטער... דער וואָס איז בכוח אַריינטראָגן אָדער אויפנעמען עסטעטישן סדר אין וואָרט, דער קאָן גובר זיין כוחות וואָס פאַרפינצטערן די נשמה; פאַרוואַנדלען שאָטן אין ליכט; אין רפואה פאַר יסורים. דורך דער פאַרונג פון וואָרט מיט נגינה גייט אויף טרייסט מיט ליכט באַגלייט. אַ זינגעוור־דיק קול פאַרמאָגט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי און זיין דיקציע איז אַ ברייטע און קלאָרע. זיין וואָרט איז אויסגעפורעמט מיט אינזיכיקער פאַרטראַכטקייט. דאָס ליכט פון וואָרט פלעמלט דורך די שאָטנס אין וועלכע ער איז איינגעהילט. זיין לשון איז אויסגערונדיקט און דיין מיט מייסטערשאַפט פון אַ מומחה אין די פאָעטישע נוסחאות. זיין מחשבה איז אינעם ניגון. דערפאַר איז ער תופס זיין ליד מער מיט אויער ווי מיט אויג. אַפילו ווען סע ווערט „אויפגעגעסן די קו, הערט ער אַלץ איר מו" ——— (ז. 248)

די טיפקייט פון דער פאָעטישער איבערלעבעניש פורעמט דעם פאָעטס געשטאַלט. די עסטעטיק ווערט ניט דערהויבן דורך דרויסנ־דיקע אָרנאַמענטיק. זי אַנטפלעקט זיך פון אינעווייניק, ווי דער פאַנאַנדערוויקל פון אַ פלאַנץ. דער ריטעם איז די נשמהדיקע וויב־ראַציע פון אַ באַשטימטער פאָרעם. דורך דעם ריטעם אַנטפלעקט זיך דאָס פנים און געשטאַלט פונעם פאָעט. אָבער עסטעטיק אָן שייכות צו עטישע באַגריפן איז אָן ספק אַ ברכה לבטלה. כאָטש קונסט ווערט ניט געשאַפן לויט אַ פאָראויס באַשטימטן עטישן שולחן־ערוך, איז פאָרט דער גרונט־ווערט פון מענטש גופא אין צענטער פון דער קונסט. וואָס די קינסטלערישע אָפּווייכונגען זאָלן ניט זיין, זיינען זיי ניט בכוח מבטל צו זיין אָט־דעם סאָלידן יסוד. וויפל מיר זאָלן ניט פרובירן אַנטלויפן פון זיך מוז מען סוף כל סוף צוריקומען צו זיך.

פאַרן דיכטער איז דאָס וואָרט און געשטאַלט גלייכצייטיק אַ דערפילן און איבערלעבן בפועל ממש דעם שטראַלנדיקן באַגריף און זין פון מענטש אין זיין „אייגן ליכט״.

דערפאַר זאָגט ער:

׳ניט קרוין, ניט פּאַן — דערהויב זיך מענטש, צו הויכקייטן פון זין,
וואַש אָפּ דיין צלם אלהים און זאָג: איך בין, איך בין!״ (ז. 154)

אים ציט צו אַזאַ „מלכותדיק ליכט״ און פרייד וואָס איז אַ פועל יוצא פון דער דערקענטעניש פונעם יחידישן „איך בין״. אָן דעם איז אידעאָלאָגישער אָדער געטלעכער אַלץ גאָרניט. דער איך בין מאַכט דער וועלט פולער, גרעסער און מלא כל הארץ כבודו... „שמע ישראל ה׳ אחד״ ווערט דיכטערישער רוף אויפצוהיטן דאָס „אייגן ליכט״. דער „אחד״ איז די סובסטאַנץ און סינטעז פונעם יחיד־כלל באַגריף. „אחד״ איז פיניטיוו און אינפיניטיוו אינאיינעם. דער יידיש אַבסאָלוט אינפיניטיווער „אחד״ איז ניט בלויז אַן אָפּקער פון פּאָליטעאיזם אין אַלע זיינע פאָרמען, נאָר אַ גרייטקייט צו גיין אויף קידוש השם פאַר דער חשיבות פונעם יחיד וואָס איז באַקרוינט מיטן „אל תפרוש מן הציבור״. מבטל צו זיין דאָס „אייגן ליכט״ ווערט דערפאַר באַטראַכט ווי די גרעסטע עבירה קעגן קערנדיקן איך=אחד פּרינציפּ, ווייל דאָס ליכט פון כלל קאָן ניט לייכטן אָן דעם „אייגן ליכט״ פונעם יחיד. דערפאַר איז ביאַלאָסטאָצקיס אָרעמאַן קודם־כל דאָס אייביקע געזאַנג און הונגער פאַר אייגענער געשטאַלטונג און ניט בלויז סימן פון ניט־דערגאַנצטקייט אין גאַנג צו שלימות. ער איז — „מאָס וואָס מעסט דאָס גאַנצע לאַנד״. (ז. 147)

אָבער ווי אַזוי קאָן איך וויסן וואָס איך בין, אַז —

„איך געבויגענער,
וואָס ס׳איז די שטראָף אין צווייען מיר געגעבן —
צו טראָגן בראָך פון שענדונג און פאַרלענדונג,
אין שולד פון בלייבן לעבן״. (ז. 423)

איז דערפאַר —

„אויף אַלע דיינע שוועלן, און אַלע דיינע היימען,
אויף שפּור פון דורותדיקע טריט
האָט פּילגעשטאַלטיק נאָר געטאָן אַנטקעגן בלענדן
חזיון און לעגענדע". (דאָרטן)

און ווען און וואו מיר דערהערן ביים דיכטער דעם עלענאָווי־מאָטיוו דערפילן מיר זיין טיפן ציטער. אין קריעה און אַש מורמלט ער אַלטע תפילות פון דורות נאָכאַנאַנד און סע נאָגט זיין האַרץ פאַר עלענאָווין אויף „ווילנער ניסימדיקן שליאַך"; דער שליאַך צום „מלכותדיקן ליכט". דורך דער צעפראַלטער טיר פון קלויז טראָגט זיך דער ניגון פון „שפוך חמתך" און דאָס ניסימדיק געשטאַלט באַווייזט זיך ניט און פונעם כוס רינט און רינט... פּונקט ווי אין דער פאָלק־פאַנטאַזיע איז אויך ביי אים עלענאָווי אויף יענער זייט טיר, אינעם עיקר פון נס און אין אַ חשכות וואו „די לעגענדע וואַכט". ער איז נאָענט און ווייט, ער איז אָרעמאַן און עושר צוגלייך; ער וואַנדערט אַרום מיט אַן אויג אויף די בני ישראל און קאָן קיין תיקון ניט געפינען. דאָך באַקומט זיך דער איינדרוק ווי דער דיכטער וואָלט גערודפט געוואָרן פון דער עלענאָווי־געשטאַלט. דאָס איז פּאָעטישע יצירה אין אַ דרימלדיקן צושטאַנד; אַ שפּין־נעץ פון חזיון און לעגענדע אין וועלכער דער פּאָעט איז אַליין פאַרשפּינט.

אין אַ חצותדיקער שעה אַזאַ דערציילט ער:

„ליבע קינדער! און זייט דאָן,
ווי דאָס וואַסער שווימען יאָרן —
ווייט אַהינטער ליגט פּומפּיאַן,
שטעטל וואו איך בין געבאָרן.
נאָר צי גיי איך הין, צי הער, —
אויף דער בויערי, צי סקווער, —
ווי איך זע אַן אָרעמאַן,
גיט אַ בלענד פאַר מיר אַ שיין,
פּסח, יום־טוב — אפשר דו?
וואו איז עלענאָווי, וואו?" (ז. 287)

פרעגן מיר: — נו, טאַקע וואו? ———
„די נאַכט איז פינצטער נאָר די לעגענדע וואַכט"... (ז. 395)
ציט זיך אַזוי דער ניגון —— אין שטעטלע פּומפּיאַן אין דער

ליטע ווייט פון באַן און ים, איינגעהילט אין יידיש חשכותדיקער שרעק, צווישן שטעגן פון בית עולם און מאַרק, איז זיך געוואָקסן אַ יינגעלע מיט אייגעלעך גליאיקע און מיט „שמע ישראל״ אויף די ליפּן. האָבן אייגעלעך געזוכט אין דער סתירה פון בית־עולם און מאַרק דאָס פאַרבאָרגענע ליכט. חלומט ער, ווי סע

„קומט און שמייכלט אליהו — גיט ער רעדט און גיט ער שטומט
וואַרפט ווי קערנער, קליינע וואונדער ביז דער גרויסער וואונדער קומט...״
(ז. 396)

דער זיידע האָט דערציילט, אַז זיין פּנים איז גאַלע זעעוודיקייט און אַז ער איז שוין אויפן וועג אין הילוך פון אָרעמאַן. איז דערפאַר אויף יעדן אָרעמאַן געפאַלן אַ חשד... פון זיידנס און טאַטנס מעשהלעך, חלומותלעך האָבן אייגעלעך שטאַרקער חזיונדיק געגליט מיט אַ ניגונדל וואָס וויגט זיך העד און הין.

אָבער עלענאָווי, די אויסגעחלומטע געשטאַלט וואָס פליסטערט פון אַלטע ספרים אַרויס איז אין גרונט פון „יידן ברידער פון איין שטאַם איין פּנים — ישראל סבא״.

„דוכט מיר: נייע מאָדנע שאָטנס
שוועבן איבער זיידעס ספרים —
יידן גייען שוין פון שחרית,
און דער שופר: תרועה־שברים״. (ז. 414)

דאָס פּנים פון ישראל־סבא ווערט פאַרוואַנדלט אין —
„זעענדיקע אויגן ליכטיקייט.
גליענדיקער שמייכל אַרום מויל,
הייסער אָטעם,
קלאַנג פון שטים —
צלם אלהים!
פּנימדיקע,
פּנים,
לויטער פּנים, —
נאָר פּנים״.

ביז דער גרויסער וואונדער קומט, ווערט דאָס פנים
„מיטאַמאָל" —
פאַרשוואונדן, בליץ פאַרשניטן:
אויס פנים,
הינטערן פנים — קאַרק!" (ז. 210)

אַלץ פלאַצט אין וויסטן מיראַזש. דער דיכטער רופט אויס: „יידן! הינטערן שטעטל ליגט אַ הרוג, הינטערן שטעטל ליגט אַ מת!" (ז. 387) אַנו, ווער קאָן וויסן ווער עס איז דער הרוג, ווער סע איז דער מת? ———

פון די עלעגאַווישע פלאַי פלאַים וואָס שפּאַנט אויף יענער זייט בערג מיט אַ זאַק פול מיט מופתים און פון דער בענקשאַפט צום ווייטן „מלכותדיק ליכט" איז אויסגעניגונט דאָס „ליד צו ליד". ניגונים קייטלען זיך אין ריקודים מיט טעמפעראַמענט שאַרף און שפּיציק פון איין געשטאַלט צו אַנדערער ווי אַן אָנצאַליקער אויפשפּריץ פון פייערווערק.

„מיר דוכט איך זינג נאָר, ווייל איך קאָן ניט ריידן אָפן" (ז. 75) זינגט ער זיין זאָג מיט ניגון פון תנו רבנן. — און די נגינה בלייבט הענגען ערגעץ דאָרטן, ניט אַראָפּ און ניט אַרויף, ווי דער איינזאַמער מו פון דער אויפגעפּרעסענער קו; דאָרטן וואו „פליטערלעך — שטערנדלעך וויגן זיך פאַלן"; וואו ניט דערזונגען און ניט דערזאָגט...

דעם דיכטערס דרך איז אַ בציבורדיקער. פּונקט ווי זיין טאַטע דער מגיד האָט אויך ער, ליב צו פילן אַרום זיך די וואַרעמקייט פון דער יידישער עדה. און ווען ער דערפילט אָט־די וואַרעמקייט, צעגייט ער זיך אין אַזאַ ניגון, אַז סע הייבן אָן לייכטן זיינע אויגן מיט אַזאַ פאַרבאָרגענעם גלי, אַז ער ווערט כולו טיף יידישער ניגון.

„חלום און וואָר"

(עסייען פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ניו־יאָרק, 1965)

„חלום און וואָר" איז לאַבירינטיש אין קאָנסטרוקציע. דאָס איז אַ מאָנומענטאַל ווערק מיט ברייטן פאַרנעם איבער דעם היכל פון דער יידיש־פּאָעזיע; פונעם איצט ביז צום יידיש־פּאָעטישן בראשית. עס איז אַ פילקאָליריקער כינוס פון וואונדערלעכע ניגונים. די ניגונים פיגורירן אָבער ווי טרעפּ פאַרן אויטאָרס שטייגנדיקן טעזיס: „דער גאַנג צום אָרעמאַן אין גערעכטיקייט און צו דער גאולה". באַהעפט ער ניגון מיט ניגון און סע וואַקסט אויס אַן אָרעמאַן־געשטאַלט מיט אַ וועלט־שליחות. ניגון לאָזט זיך אָבער ניט פאַר־אַלגעמיינען, ווייל זיין מקור איז אינעם קאָנקרעטן יחיד. דאָס איז דער רוח־הקודש פון יחידישאַפט וואָס איז זיך מיחד מיט דער וועלט. דער אליהו־מאָטיוו וואָס שנירלט זיך דורך אין דעם בוך ווערט די סוביעקטיווע איבערלעבעניש פון אַ ניגון וואָס געהערט צום אויטאָר גופא.

„יידן גייען, גייען יידן און דערציילן וואונדער, נייע ניסימדיקע וואונדער; יידן זינגען, זינגען יידן — ניגון, ניגון און מאַמע־יידיש זינגט מיט זיי".

דאָס זיינען שורות פון ביאַלאָסטאָצקיס עסייען. — ער באַווייזט ווי זיין עסיי קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין פּאָעטיש געזאַנג.

די אָרעמאַן־געשטאַלט — דערקלערט ביאַלאָסטאָצקי — איז ניט דאָס אייגענע ווי דער בעטלער־באַגריף, נאָר די אַבסטראַקטע יחידי־שע איינזאַמקייט אינעם וועלטישן האַרמידער. עס האָט געוויסע שייכותן מיט אליהו־הנביא וואָס קומט אָפט פאַרקליידט אינעם גאַרב פון אָרעמאַן. עס האָט אויך אַ שייכות מיט די לאַמעדוואָווניקעס וואָס

קומען אָפּ פּאָר מענטשלעכע זינד. די געשטאַלט איז אַ זייטיקע און דרויסנדיקע. דער אָרעמאַן שאַרט זיך ביי דער וואַנט, אַמאָל ווי אַ בלינדער און אַמאָל ווי אַ רואה ואינו נראה. אין אַלע זיינע גילגולים דערקענען מיר אים, ניט אַזוי דעם אַלטן קעמפער קעגן בעל, נאָר ווי דעם גוטן שליח אין אַן עת־צרה און אליהו התשבי וואָס דאַרף פאַרענטפערן אַמאָל אַלע, אַלע „תיקו׳ס״. ער איז כולו רחמנות וואָס דערשיינט פּלוצים מיט בשורה און נבואה און פאַרשווינדט. אָט ווי עס זעט אים דער אויטאָר דורך מאַני לייב: „אָט געווען און אָט געזען, נאָר פּלוצלונג טוט אַ זאָג און לאַכט: באַלעבאָס אַ גוטער נאַכט!״ ווי דער אָרעמאַן איז אויך ער אַ שוויגער, אָבער אין ביסיונדיקע מאָמענטן איז פאַראַן ביטחון, אַז ער וועט אונדז איבער־ראַשן מיט לשון און מיט מעשים. דאָס אַלץ איז איצטער נאָך אַזויפיל אָפּגענאַרטן ביטחון און אַזויפיל אַנטשוויגענעם לשון טאַקע ניט מער ווי שווידערלעכער חלום; אָבער דער אויפקום פון מדינת ישראל איז דאָך וואָר. עס איז דערפאַר פאַרט חלום אין וואָר. די אליהו־אָרעמאַן־געשטאַלט איז דער צייכן וואָס פאַראייניקט אין זיך די אויסגעחלומטע שטרעבונגען פאַר נאַציאָנאַל לעבן און גאולה פון יחיד; פון שפלות און גנאַי צו ליכט און חשיבות.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי וואַרפט אַ שיין אויף דער אָרעמאַן־געשטאַלט אין זיין גאַנצער קאָלירפולער פאַרשיידנאַרטיקייט וואָס איז אויס־געשפּינט פון דער שעפערישער פאָלק־פאַנטאַזיע. איבער די 484 זייטן פון „חלום אין וואָר״, רעדט ער צו אונדז, — ניין, ער זינגט פאַר אונדז אויס: — נאָט און באַוואונדערט, דעם ביסימדיקן היכל פון דער יידיש־פּאָעזיע. „אין וועג אַריין צוזאַמען מיט דער געשטאַלט פון אָרעמאַן האָב איך זיך געלאָזט — אי צוליב דעם וואונדער פון יידיש און אי צוליב דער טראַגיק פון יידיש אין די היינטיקע טעג״. איז דאָך טאַקע אליהו געווען מיט אונדז אויף יידיש. וואָס־זשע איז פון אים איצטער געוואָרן ווען יידיש שאַרט זיך ביי די ווענט פון דער גאולה און זינגט על נהרות ישראל מיטן אַלטן ניגון פון „על נהרות בבל״? — און אפשר איז טאַקע אַזוי דער גזר אַז „וואונדער״

איז באַשערט אייביקער גלות כדי עס זאָל בלייבן „וואונדער״? — —
האָבן מיר דאָך אין דער יידיש פּאָעזיע אַזויפיל אליהוס וויפל וואונדערלעע פּאָעטן סע זיינען פאַראַן אין יידיש. יעדער איינער פון די יידיש משוררים איז דאָך אַליין דער גרעסטער וואונדער. צוליב וואָס־זשע־דען פּרובירן אַנטפּלעקן די אליהו־געשטאַלט דורך אונדזערע פּאָעטן, — פאַרוואָס נישט עפענען די שליוזן פון וואונדער טאַקע איבער דעם אַקטועלן יחיד גופא און דערצו יידיש־פּאָעט?

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי פאַרמאָגט אין אַ גאַר גרויסער מאָס דעם שטראַלנדיקן כוח פון חסידישער התלהבות. — און מען דאַרף אַליין זיין דורכגעדרונגען ניט בלויז מיט „חלום״ פון דער אליהו־געשטאַלט, נאָר אויך הערן אין זיך דעם אויפקוואַל און אַנרעג פון אייגענעם ניגון, כדי זיך אַזוי קענען צעזינגען, ווייל דאָס זיינען ניט סתם מאמרים, דאָס זיינען עסייאיסטישע געזאַנגען! פאַרוואָס־זשע דען דאַרף דער יידיש־פּאָעט דינען ווי אַ מיטל אויסצושפּינען מיט אים די אַבסטראַקטע אליהו־פיגור? מיר קאָנען דאָך ניט ריידן וועגן געשטאַלט אָן דעם לעבעדיק קאָנקרעטן ניגון.ביידע זיינען באַשטאַנד־טיילן פון דער אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט; און וואָס גרעסער און פאַרביקער עס איז די פּערזענלעכקייט אַלץ אַנדערשדיקער און באַזונדער שיילט זיך אויס זיין ניגון.

דאָס בוך „חלום אין וואָר״ איז פּאַקטיש אַ דעמאָנסטראַציע פון דעם וואונדער־היכל פון דער יידיש פּאָעזיע. בכלל האָט ביאַלאָסטאָצקי דאָ נישט בלויז מכוון געווען צו אַנטוויקלען דעם גערעכטיקייט־גאולה טעזיס; כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין התלהבותדיקער התמדה גיט ער אונדז געשיכטע פון דער יידיש־פּאָעזיע און דערצו נאָך מיט אַן עודף. — מיר האָבן אויך אין דעם בוך פאַרטרעטן און אָפּשאַצן וועגן פּאָעטן און וועגן וויכטיקע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט בכלל.

סע איז אָבער אַמאָל ניט קיין מעלה ווען מען צאַמט ניט די ברייטע האַנט און די וואַרעמע התמדה; עס פאַרגנבעט זיך די סכנה

דאָן אָפּצונויגן פון דער אָריגינעלער כוונה. יעדע איינע פון די פאַרשיידנאַרטיקע פּאַזן פון דעם בוך (און עס זיינען פאַראַן אַ צאָל אַזעלכע) וואָלטן באַדאַרפט באַהאַנדלט ווערן אין זעלבסטשטענדיקע ביכער. עס איז כאַראַקטעריסטיש אַז ווען מע איז קריטיקער, אידייען באַגרינדער און פּאָעט אינאיינעם ווערט פון ניגון אַ קאנגלאָמעראַציע פון ניגונים, וואו סע ווערט פאַרלוירן דער פאַדעם צום קאָנקרעטן יחידישן ניגון. דאָס איז אין שייכות צו די פּאָעטן וועלכע לייכטן אַרויס פון די שפּאַלטן פון דעם בוך. יעדער איינער פון זיי איז אַן אָרעמאַן־גביר־געשטאַלט; יעדער איינער איז עני און עושר צוגלייך. האָט דאָך יעדער איינער פון זיי דעם קינסטלערישן „כל דיכפין ייתי ויכול" איבער זיין טיר. — און וועגן יעדן איינעם וואָלט מען דאָך געקאָנט אויסשפּינען לעגענדעס און מעשיות שהיה וואָס זאָלן שטראַלן מיט דעם וואונדער פון אליהו הנביא... יידן גייען, גייען יידן און דערציילן וואונדער...

מלך ראַוויטש

(וועגן זיין בוך „לידער פון מיינע לידער")

דאָס בוך „די לידער פון מיינע לידער" איז אַ פולער פּאָרטרעט פון דער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט מלך ראַוויטש. די ערשטע גרופּע לידער איז דער בראשית אָדער די הקדמה פון זיין פּאָעטיש לעבן און ווערן. ער שטייט „אויף דער שוועל" פון זיין וועלט. די לידער זיינען ליריש און צאַרט. ער ווייס, אַז ער דאַרף מאַכן אַן ערנסטן שריט פאָראויס איבער דער שוועל. — ער מאַכט עטלעכע קורצע טריט און בלייבט שטיין ווי דערשראָקן; קוקט ער אויף דער מאַמען און אין תפילה זאָגט ער:

> „אָ שטאַרק מיך גאָט! און גיב אויך מיר
> די שיינע כוחות, וואָס האָסט איר געגעבן". (ז. 17)

„אין דעם מאָרגנשטערנס ליכט" (ז. 23) הערט ער זיך איין טיף אין זיך און דערפילט זיכערקייט און ציל־באַוואוסטזיניקייט. אין דער אידל קינדערשער שטים הערן זיך אָבער ספקות, פון וואָס זיין וואָרט ווערט רייפער און געקרעפטיקט. עס קוואַלט אויף אין אים אַ ליבע פאַר דער וועלט אין זוניקער לויטערקייט. עס הויבט זיך אָן אין אים באַוויזן די ראַציאָנאַלע קערנדיקייט, פון וואָס עס איז שפּעטער אויס־געפורעמט געוואָרן זיין „פּיוטים צו דער זון". מיט לאַנגזאַמען און סטאַקאַטאָ־ריטעם הערט זיך אַ יונג פול־ברוסטיקע און שטאָלצע שטים. אַ ליכטיק פּנים איז צום פאָלק און צו דער וועלט געווענדט. ער ווערט אָנגעפילט מיט אַ וועלט־פרייד און „איך טאַנץ, בין לויטער גליק". (ז. 34) מיט אַט־דער ליבע און מיט אַ פול זינגעוודיק קול איז ער גרייט „צו קוילערן העכער, נאָך העכער די ערד", וואו דאָס „געטלעכע וואָרט, ציט זיך קלאַנגפול אין אייביקן אָטעם". (ז. 36) דער דיכטער ווערט ברייט־ריטמיש — און ער טראָגט זיך אויף דעם שפּיץ

פון זיין „פאַרקלערטן בליק, אין דעם קעניגרייך פון געדאַנק און צעגליטן פראַכט״. עס פלעכטן זיך הקפות פון „פיר טויזנט יאָריקער ירושה״ און אַלץ טאַנצט פאַראיינט:

„און גרויס איז דער גאַסט צווישן אונדז,
מיט אַלץ איז ער, און אַלץ איז מיט אים
אלהים,
הושענא — אַלצדינג איז פריי, איז פריי —
אלוהי״. (ז. 35)

אָבער דאָס מנורה־ליכט האַלט לאַנג ניט אָן. — ס׳לעשט זיך לאַנגזאַם אויס. — שאָטנס הויבן זיך אָן צו שפרייטן.

„זי הויבט זיך אָן מיט אַ גרינלעך־רויטן טומאַן,
די שנאה,
און וועבט זיך אַריין אין אונדזער טון און רוען,
— — — — — — — — — — —
און אונדזערע טריטן הויבן אָן צו בלאָנקען,
ווי טריטן פון בלינדע.
— — — — — — — — — — —
צום סוף ברענט זי אין געהירן, ווי שמעלץ־אויוון־הייס
די שנאה,
ווייס־גליט פון מוראדיקער היץ איר גרינלעך־רויטער פלאַם״.
(זז. 41, 42)

שוין אַלס ניינצן יאָריקער דיכטער איז מלך ראַוויטש דורכגעדרונגען מיט אַ גאָט־באַגריף וואָס הויבט זיך אויף איבער די גדרים און קלויסטערשע ווענט, וואו ס׳הערשט אַ פאַלשע רו אינדערמיט פון אַ „צעקריגטע וועלט״. דאָס גרויסע פראָבלעם פון „זיין און ווערן״ זעט ער ווי דורך אַ פריזמע אין יעדן מאָמענט פון זיין דערפאַרונג און פאַרקערט, דעם פרט אַבסטראַהירט ער, אַז עס ווערט שיעור־ניט

אויפגעליזט אין אוניווערסאַלקייט. זיין לעבנס־באַגריף איז נאַקעט־ריין ווי ניי־געבוירן לעבן.

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע דערפירט אים צו „אונטעראיבער־ערדישע דרכים", וואו „די שרפה וואַלגערט זיך נעענטער און נעענטער, ברעכנדיק אין רויטן כעס אוראַלטע ביימער" (ז. 91). זיין שטים הילכט דאָרט אָפּ מיט אַ קדמונדיקן ווידערקול, וואו יעדער שריט איז אַ שפּאַן אין תוהו־ובוהו. אין דעם זעלבן הויל און בלויז, האָט ער שפּעטער —

„דעם גאַנצן ווייטאָג פון וועלטן,
דעם גאַנצן וועלט־ווי,
פּלוצלונג דערהערט אין (מיין) טאַטע־מאַמעס
איין איינציקן, משוגענעם נאַכט־געשריי". (ז. 321)

— — — — — — — — — — —

ראַוויטשעס ציקל „נאַקעטע לידער" זיינען ניט וועגן סעקסועלער אָדער חושימדיקער נאַקעטקייט. נאַקעט זיינען כמעט אַלע זיינע לידער, צוליב זייער קאָסמישן כאַראַקטער, ווי ס'איז למשל זיין „אַ נאַקעטע תפילה אויף אַ נביא". ניט געקוקט ווי אינטים טראַגיש די מאָמענטן פון זיין דערפאַרונג זיינען, הויבט ער זיך אויף צו אַ ווייטער דיסטאַנץ איבער זיי און פון דאָרטן מעדיטירט ער איבער זייער אוניווערסאַלן תוכן. ער באַפּאַנצערט זיין פּאָעטישע הרגשה מיט אַן אָביעקטיוויטעט וואָס לאָזט איבער אַן איינדרוק פון שיעור־ניט עמאָציאָנעלן גלייכגילט, וואָס איז אייגנטלעך אין סתירה צו זיין עצם פּערזענלעכקייט.

„און אַ טרער —
נאַרעשקייט — זאָל קיינמאָל נישט אין מיינע אויגן קומען". (ז. 115)

— — — — — — — — — — —

ער האַלט זיין נדר מער ניט קיין לירישע לידער צו שרייבן. געפינען אָבער זיינע פּנימיותדיקע עמאָציעס זייער אויסדרוק אין זיין סאָציאַלער טעמאַטיק. אין זיין „שוואַרץ־ווייס רויטע באַלאַדע", שפּאַרט

פשוט מיט עמאָציע. די באַלאַדע איז וועגן אונזער וויסטער חרפּה אין דעם אַמעריקאַנישן דרום. עס איז אַ לעבן־און־טויט געפּעכט צווישן אַ נעגערשער מאַמע מיט איר בלוי־אויגיק קינד אויפן רוקן און דעם ווייסן „דזשענטלמאַן", איר באַלעבאָס „בוואַנע", דער פאָטער פון דעם קינד. — זי זינקט אַ הילפלאָזע אונטער דער מערדערשער האַנט פון „בוואַנע":

„בוואַנע, בוואַנע, איך גיי דאָך באַלד אויס,
ווי, ווי — דו בלייבסט מיט דעם קינד אַליין —
אַ—אַ!! איצט שלאָגסטו דאָך ס'קינד דערקענסטו דען נישט,
בוואַנע, דיין אייגן קינדס געוויין?!" (זז. 223, 24, 25)

מיט פויסטן אין „אוממאַכט געביילטע" קלינגט אָפּ דעם דיכטערס אינעווייניקסטע אימה אין דעם נאָמען „בוואַנע", — ביז וואַנען? ביז וואַנען? —

זיינע עמאָציעס קאָן ער אָבער ניט פריי אַנטבלויזן אפילו דאַן ווען ער האָט אַ שטאַרק פאַרבאַרגענעם דראַנג דערצו:

„איך האָב געוואָלט מיך צעוויינען, פשוט צעוויינען מיך ווי אַ קינד,
זיינען די אויגן טרוקן געבליבן און ברענען גענומען,
ווי איך וואָלט געהאַלטן ביי ווערן בלינד". (ז. 323)

מיט אַן אָביעקטיוויטעט וואָס שאָקירט טיילוייז, שילדערט ער דעם טויט פון אַן איבערגעפּאָרענעם הונט מיט אַלע בלוטיקע פּרטים און מיט דערזעלבער ניכטערקייט זעצט ער פאָר זיין מעדיטאַציע איבער דעם סוד פון אייביקייט (ז. 311).

מיט אַ קול ווי פון קאַלטן שטאָל זאָגט ראַוויטש אין זיין „בערלינער קדיש":

„שלאָף רואיק, מיין קינד און זאָל מיין געוויין
דאָס לעצטע וויגליד אויף דער ערד דיר זיין,
ס'וועט קיינער דאָ מער נישט געפינען דיין שפּור
און דיר נישט זאָגן מער: „יידישע הור". (ז. 724)

אין דער שטרענגער אָביעקטיוויקייט איז אָבער פֿאַרבאָרגן אַ ים מיט געצאַמטע טרערן. טיף עמאָציאָנעל, איז ער, ווען ער פֿאַר־טרויט זיך פֿאַר גאָט אין זיין צערדיקער תּפֿילה; אַ תּפֿילה ווי פֿון אַ נייעם סידור:

„אין אַט דער שעה פֿאַרטאָג אויפֿן ים,
צעטרייסלט פֿון נאַכטלעכן שטורעם,
צערעדערט פֿון דעם אומענדלעכן גאַנג פֿון די שרויבן,
ליג איך נאַקעט — גאָט פֿון אַלע וועלטן — פֿאַר דיר.
אָן אַ העמד אויפֿן לייב — און אַזוי ווייניק גלויבן
אין דער נשמה;
שוים אויפֿן לעכצנדיקן מויל,
און געבעטן, געבעטן — פֿאַר דער גאַנצער וועלט געבעטן". (ז. 245)

ראַוויטשעס שורות זיינען ברייט און אומגעצאַמט. מיט אַ ליידנ־שאַפֿטלעכקייט און התלהבות פּויקט ער און טאַנצט אויס אויפֿן גרעסטן קעסל־פּויק „דאָס ליד פֿון ניו־יאָרק" (ז. 206) אין פֿלאַטער פֿון ליכט שוועבט ער איבער גאַסן. „גאַסן איבער דיין קאָפּ, גאַסן דורך דער מיט פֿון דיין אייגן האַרץ". אָבער דער שאָטן וואַקסט איבער דעם ווילדן וואונדער — „אָפּגרונט פֿון אָפּגרונטן".

פֿון דער טיף וואַקסט אויס אַ קול, וואָס וועקט דעם דמיון זיך צו פֿאַרטראַכטן איבער פֿונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען. דאָס קול איז היימיש פּשוט און די שפּראַך איז דאַרנדיק. אין יאָר 1934 זעט ער פֿאָראויס די יידישע פֿאָלקס־קאַטאַסטראָפֿע:

„און אויף מיינע ליפּן ווידער
קומען ווערטער פּראָסטע, ווי פֿון אַן אַלטן סידור —
פֿאָטער — פֿאַרוואָס ביזטו אַן
רחמנות צו יענע צען מיליאָן?
וואָס גייסטו מיט זיי טאָן, וואָס גייסטו וואָס?" (ז. 213)

דער דיכטער געפינט אַ דערלייכטונג און טרייסט אין זיין „פיוטים צו דער זון“ און „מאַמע ערד“. ער הייבט זיך אויף איבער די ערדישע שאַטנס אין זוניק דעאיסטישע עסטעטיק:

„און איך בין איינס, נאָר איינס מיט דיר
זון, שטיק זון.
אומזיכטבאַרער בליק בין איך
און ס׳גיסן זיך שטראָמען פון ליכט
דורך דעם אומלייבלעכן לייב פון בליק —
גיסן זיך דורך און דורך,
ווי וואַסער גיסט זיך דורך וואַסער דורך
גיסט זיך דאָס ליכט פון דער זון, וואָס איז בליק
דורך מיין בליק,
וואָס האָט זיך אָפגעריסן פון לייב“. (ז. 148)

פאָרם און אינהאַלט גיסן זיך דאָ צונויף אין דעם ליכט־קרייז פון אומענדלעכקייט. „ליכט דורך דעם אומלייבלעכן לייב פון בליק“, איז די גאָט הסברה וואָס ווערט געהייליקט דורך פּאָעטישער דערקענטעניש. מיט גבורה שפּאַרט ער דורך אַ וועג צו „ליכט“ וואָס דער „גראָבער גוף פון דער וועלט“ פאַרשטעלט. — גאָט איז ראשית־כל אין דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין ווי דער „טראָפּן“ וואָס געפינט זיין זיך אַליין, ווי „דער טראָפּן פון אַלע וואַסערן אין דער וועלט“. מיט אַ ביטערער עקשנות, וואָס דערפירט דעם דיכטער שיעור ביז צו דעפּיטיזם, בראַנ־דיקט ער אויס זיין דראַמאַטישן „לאָ“ קעגן דורותדיקן גליוּוער:

„י־ה־ו־ה,
אייביק זיין,
האַר איבער זיין און איבער נישט זיין,
נאַ דיר צוריק דאָס אייביקע זיין
און גיב אונז צוריק, צוריק, צוריק דאָס אייביקע נישט־זיין“. (ז. 155)

אָבער פון דעם גערעַנגל מיט יהוה קומט דער דיכטער אַרויס אַ געלייטערטער. גאָט איז פאַר אים ניט „עקזיסטענץ", נאָר אייביק זיין. — ווייל וואָלט יהוה עקזיסטירט, וואָלט מען דאַן אפשר געקאָנט זאָגן צוזאַמען מיט פרידריך ניטשען, אַז גאָט איז שוין געשטאָרבן! — עקזיסטענץ האָט אַן אָנהויב און אַ סוף. יהוה איז אַבסאָלוטער היה, הוה, ויהיה איבער אַ אינדיווידואַליזירטער וועלט פון אומענד־לעכער אַנדערשקייט. ראַוויטשעס יהוה־באַגריף איז אין זיך מצרף דעם גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, משה, אליהו, עמוס, פון ישו און פון ברוך (ספּינאָזאַ). יהוה איז דאָס אַלץ צוזאַמען און נאָכמער... — זאָגט דער דיכטער צו גאָט:

„אַזוי ווי עס בייט זיך אייביק דיין פּנים,
דאַרף אַזוי אויך דיין וואָרט זיין". (ז. 303)

כאָטש דער געדאַנק פון „פּנים און וואָרט־בייט" איז דאָ אויס־געדריקט בלשון דעם אימפּעראַטיוו „דאַרף", איז עס ניט אין סתירה צו דער גרונט גאָט־פּערצעפּציע ווי דער אַבסאָלוטער „איז"; ווייל „וואָרט און פּנים" דאַרף מען ניט, לויט ראַוויטשן, באַנעמען ווי פאַר־גליווערטע צייכנס לדור דורות, נאָר ווי קאָרעלאַטיווע געטלעכע סימ־באָלן אין אַ וועלט פון כסדרדיקער ענדערונג. — דער תמצית פון דעם געדאַנק איז, אַז אַן אַקטועל־געטלעכע דערקענטעניש אין אַ אייביקן פּראָצעס פון „אַנדערשדיקייט" איז געטלעכקייט אַ השגהלאָזע אַבסטראַקציע. געטלעכע אַקטועלקייט מיינט פאַראיינטע אַנדערשקייט. די באַזונדערע אַנדערשקייטן פאַראיינט צו „איין מקום ווערן", דאָס איז ראַוויטשעס גאָט־הסברה און וועלט־באַנעם. — דאָס איז אַ סינטע־טישער שטייגן צו פאַראיינטקייט דורך דער אַנדערשקייט פון יעדן פאָלק און יעדן יחיד, ווייל אַנדערשקייט איז דער וועלט־איכות; אַנ־דערשקייט צו פאַראיינטקייט. אַזאַ פאַראיינטקייט האָט פאָרם און אַ זין, כאָטש דער וועג גייט דורך סתירהדיקע קעגנזאַצן.

ווען דער מענטש פאַרנעמט זיך אויפן וועג פון אַבסאָלוטער „פאַר־

אײנטקײט״ דורך אויטאָקראַטישער געוואַלט־מאַכט גײט ער אויפן וועג אָפּצואווישן אַנדערשקײט. אַנדערשקײט ווערט דעמאָלט באַטראַכט ווי אַ זינד קעגן דער אויטאָקראַטישער מאַכט. מיר געפינען זיך דאָ אין אַן אומגעלומפּערטן פאַרזוך נאָכצומאַכן די גאָט־אידייע פון „פאַראײנט־קײט״ נישט באַנעמנדיק דעם תוכן פון דער אידייע. די געזעלשאַפט ווערט דאָן פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרמלאַזיקײט וואָס איז גלײכצײטיק די מענטשלעכע טראַגעדיע.

כפירה בעיקר ווערט באַגאַנגען אין נאָמען פון פאַרשײדענע „פרײ־הײטן״ און „משיח גאולות״. דער פרומער קדוש־טאַנץ פאַרן דאָגמאַטישן צד פאַרלײקנט און טאַרמאַזירט דעם פּראָגרעס פון מענטשלעכן גײסט און ווער עס טאַנצט ניט מיט, דעם איז באַשערט דער טויט־טאַנץ. ראַוויטש רעדט וועגן די יעניקע —

„וואָס האָבן פאַרמעט אין שוואַרצער פאַרב גענעצט
און אויסגעצויגן אים אויף אַלע בלויע הימלען
צו פאַרשטעלן דאָס ליכט״. (ספּינאָזאַ לידער, ז. 63)

ס'איז דערפאַר פּרוכטלאָז צו זוכן גאָט צווישן די ווענט פון קלויס־טערס און געבעט־טעמפּלען. געפינען קאָן מען אים אין די טאָג־טעגלעכע באַציאונגען בין אדם לחברו. די סיבה פון דער מענטש־לעכער טראַגעדיע איז דער מענטש גופא ווען ער טרעט אַרײַן אין דער ראָל פון אַבסאָלוט. — צי די ראָליסטן דערשײנען אונטערן מאַנטל פון געטלעכקײט, אָדער וועלכע עס איז אויטאָקראַטישע מאַכט וואָס פאַרלײקנט געטלעכקײט, איז דער פּועל־יוצא, די זעלבע טראַגי־קאָמיש אַבסטראַקטע פאָרמלאָזיקײט, וואו יחידים און פעלקער פאַרלירן דאָס אײגנאַרטיק פּנים. דער קאַטאַקליזם וואָס קומט אויף אין דער „פאַראײנטער אַנדערשקײט״, איז ניט דערפאַר ווײל גאָט איז אַ נוקם ונוטר און אַ גרויסער אַכזר, רחמנא לצלן... וואָס האָט ליב זיך צו שפּילן מיט פינצטערע וואָלקנס און שלײדערן אויף אונז דונערן און בליצן; נאָר ווײל מיר האָבן זיך ניט באַפרײט פון דעם „עין־תחת־

עין" דעטערמיניזם, פון בלינד־זאָלאָגישע רעאַקציעס, וואָס איז דער גורם צו דער אכזריות אין דעם מענטשן. אויף דער מדרגה איז גאָט פאַר אונז אַקטועל נישטאָ. שלעכטס און פאַלשקייט איז דערפאַר ביט אַ גאָט־סיבה, נאָר אַ ניט־גאָט פועל־יוצא, פונקט ווי דער שאָטן איז דאָס ניט־ליכט פון ליכט...

פאַר מלך ראַוויטשן איז די חשיבות פון דעם יחיד דאָס העכסטע געבאָט. — דאָס איז דער גרונט־מאָטיוו אין די „לידער פון מיינע לידער", אַ כינוס פון ראַוויטשעס כמעט פופציק־יאָריק דיכטעריש לעבן. מיר קומען דאָ אין ווארעמען באַריר מיט אַ דיכטער וואָס איז מיט רעליגיעזער התלהבות פאַרליבט אין דער וועלט און איז דורכגעדרונגען מיט דער לידנשאַפט צו געפינען דעם גאָט־סוד.

ער קאָן נישט צונויפפאָרן געטלעכקייט מיט פאַרגליווערטע באַ־גריפן. — פאַרמאַכט ער דעם אַלטן סידור וואו יהוה פירט מלחמה מיט די „צוועלף בנים". אָבער אין דער אַלטער אברהם טראַדיציע צעברעכט ער ניט נאָר געצן נאָר אויך די עקדות. ער געפינט אַ מאָמענט פון דערליזונג אין שפּינאָזאַס התדבקות מיט וועלט־באַשאַף. ער גייט מיט ברייטע טריט צו דער געטלעכקייט וואָס „פאַראייניט", דורך אָפענע טויערן וואָס פירן צו אַרבע פינות העולם. גאָטס פנים קאָן זיך נישט באַוויזן אין אַ וועלט אַ צעקריגטע וואו „דאָס מוטער־לייב איז איינגעשרומפּן פון בלוט און תאווה, נאָר אין אַ וועלט פון שעפערישער אומענדלעכער רו". — „ניט אין שטורעם וואַקסט און צייטיקט דער בוים נאָר אין רו" (ז. 70).

אָבער פון דעם דערמאָנטן פעריאָד ביז זיין „והיה באחרית הימים" (ז. 355) איז גאָרנישט קיין קאַצן־שפּרונג. ער נידערט דאָ אַראָפּ פון די מוזע־הויכן און מיט געביילטע פויסטן זאָגט ער:

> „ווייל בלינד און טויב איז מיין אמונה, יידיש פאָלק, אין דיין שליפות,
> ווי בלינד און טויב עס איז געווען די אַלוועלט־שנאה צו אונז יידן".

— — — — — — — — — — —

„יידיש פאָלק איך גלויב אין דיין שליחות,
כאָטש מיינע ציינער קריצן שאַרף פון ווי׳ און צום הימל ביילן זיך
פויסטן.
קיין אויסוועג איז נישטאָ. ס׳איז מיטן ים. לאָמיר אָנכאַפּן דעם רודער
און פירן שטאַרקער אונזער שיף אין דעם וועלט־שטורעם צעברוייזטן״.

אין „אַ נאַקעטע תפילה אויף אַ נביא״ זעט זיך הינטער די בערג מיט שאָטנס אַן אויפשפּאַר פון ליכט. כאָטש ער קומט דאָ ווי איינער פון לייד־צעריסענע נשמות און מיט „דאָרנצעפּליקטע בלוטנדיקע פיס״ דער „וועלטס געוויסן אויפצוטרייסלען״ (ז. 365), וויקלט ער פאַנאַנדער זיין אני־מאמין איבער דעם זין פון אַקטועלע געטלעכקייט:

„אַ גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, משה, אליהו און עמוס,
גאָט פון ישו און פון ברוך,
שרעטעלעך האָבן דיך אַרומגעריגלט — שיק אונז ווידער אַ ריז —
שיק אונז ווידער אַ מאַן פון וואָרט און טאַט און אמת —
שיק אונז אַ מאַן מיט דער צווייטער בשורה;
און זאָל ער זי טראָגן אַזוי מעכטיק און הויך, ווי משה האָט
זיין בשורה דער וועלט געבראַכט, זיין בשורה פון איינציקן גאָט,
און די צווייטע בשורה זאָל זיין: יעדער מענטש איז אַ וועלט
— יעדע וועלט איז אַ גאָט —
הייליק איז יעדער מענטש, יעדער מענטש איז אויך אחד״. (ז. 372)

אין די ווערטער איז פאַראַן עקסטאַז און קראַפט פון נייעם ווערן. ראַוויטש איז דאָ ווי אין גרעסטן טייל פון זיין בוך דער וואָרט־קינסטלער פון קערנדיקייטן און ריינער פשטות. זיין עמאָציאָנעלער אויסדרוק באַקומט אַ תיקון אין זיין איינשטעל פאַר אייביק מענטש־לעכע ווערטן. זיינע ברייטע ווייסע סטראָפן טראָגן זיך ווי אָן אַן אָפּשטעל. ער דערמאָנט אָן וואָלט וויהיטמאַן, אָבער אָן וויהיטמאַנס שאַרפע אויבערטענער. זיין „אחד״ איז ניט אַבסטראַקט אויפגעלייזטער אין קאָסמאָפּאָליטישן כלל. נאָר דער פאַנאַנדערפּראַל פון קאָלירפולקייט

דורך אַנדערשקייט. מען דערפילט אַ התקרבות אין אַ פּאַראיינטער וועלט. עס גייט אויף אַ פלאַם פון רייד, רייד וואָס בעטן זיך מען זאָל זיי אויסדאַווענען און אויסזינגען. אין דעם פלאַם צייכנט ער „ווערטער שווערע, הייסע ווערטער״ — „יעדער מענטש איז אויך אחד!״ ער קריצט אויס נייע לוחות און די ערשטע ווערטער, זאָגט ער, זאָלן זיין: „אנכי אדם!״ ווי דאָס העכסטע געבאָט. „איך קום ווי אַ מענטש און נישט ווי אַ וואָרעם״. „לידער פון מיינע לידער״ איז דער גרויסער פּרואוו פון אַ קאָלירפולע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט צו דערהייבן דאָס קינסטלערישע וואָרט צו שלמות פון געדאַנק און עמאָציע.

יעקב סטאָדאָלסקיס „ליכט פאַר די לאָדנס"

די מדרגה פון פּאָעטישן אויסדרוק דאַרף באַטראַכט ווערן אין הסכם מיטן פּאָעטס דערגרייך אַריבערצוטראָגן די סובטילע ניגונים פון זיין אייגענער נשמה אין וואָרט. ביי סטאָדאָלסקין פאַרנעמט דער חוש הראיה דעם אויבנאָן און באַהערשט דעם פאָרם־אינהאַלט פון זיין וואָרט. זיין אָבסערוויר־פּונקט איז אַ ווייט אָפּגערוקטע פון זיך גופא, אַזוי אַז עס איז נויטיק אַנצווענדן אַ גרויסע מאָס צודרינג־לעכקייט און מען דאַרף אַריבערשפּאַנען איבער די לידער צו דערפילן און דערזען די פּאָעטישע געשטאַלט.

אין זיין בוך לידער „ליכט פאַר די לאָדנס" פּרואווט ער אַריינ־דרינגען אין די הינטער־קאַמערן פון זיין באַוואוסטזיין און עס באַקומען זיך אויסטערלישע אַסאָציאַציעס. זאָגט ער דאָרט (ז. 32): „אין הויז פון מיין כאַראַקטער — כאַאָס". כדי איינצושטעלן אַ געוויסע אָרדענונג מוז ער ווערן ניט־איך:

„איך בין ווי אַ ספינקס געשטאַנען
אין שרעק דעם אָפּגרונט ניט צו טיפּן.
אין מיין לער האָב איך געהערט אַ רופן:
זוך! ———
פון דיר אַליין ווילסטו אַנטרינען?
זוכן הייסט געפינען ———" (אירליכט)

אָבער אַנשטאָט זיך געפינען, הייבט ער זיך אויף שווינדלדיקער הויכקייט, וואו עס זעט זיך אַ פינטעלע אַרומשוועבן אין רוים פון אוניווערסאַלקייט.

די ליניעס פון זיינע לידער זיינען קנויליק און פון דער פאַר־קנוילטקייט שיילט זיך אויס אַ „פינצטערע ליכטיקייט".

מיט גרויס רעספּעקט און מיט חסידישן יראת הכבוד איז ער זיך מקריב פאַרן ליד. זיין פאָרם איז אַ מין פאַרבן ריטואַל וואָס קייטלט זיך און וואַקסט צו מיראַזשיקער פּראָפּאָרציע. מיט טיכטיקער מי און ליבע באַנעמט ער זיין וואָרט. ער זאָגט: „איך האָב דיך ליב מיין טייערע, ווי דעם צויבער פון אַ וואָרט". און דעם צויבער וואָס ער זעט אינעם וואָרט איז אַן אויפריכטיק שיר־השירימדיקער. ער צעברעכט טראַדיציאָנעלע מחיצות און גדרים כדי זיין אומרו, עגמת־נפש און אויך די פרייד זאָלן באַקומען זיין אייגן אָטעמדיקן תיקון.

די קאָנסטרוקציע פון זיין ליד איז שטרענג פאָרמאַליסטיש און באַנעמט זיין עמאָציאָנעלן דראַנג מיטן קאָפּ. דאָך באַווייזט ער צו קאָנצענטרירן זיינע עשירותדיקע אימאַזשן וואָס פליצן געווינטלעך אַריבער די פאָרם און דערשיינען ווי ברוכשטיקער, וואָס קאָנען אָבער ווידעראויפגעשטעלט ווערן אין וויזיאָנערישער איינהייטלעכקייט. כאָטש סטאָדאָלסקי איז גענייגט צום עפּיגראַמאַטישן ליד, איז אָבער דער ענין ביט דער וויכטיקסטער אויסדרוק פון זיין פּנימיותדיקן איכות. אין די לידער וואו זיין ראיהדיקע פּרעציזקייט קומט צום אויסדרוק באַווייזט ער אויך אַ זעלטנקייט פון ראַמפּיצירן דעם אימאַזש זיינעם און אים געבן לאַנגן דויער. אין זיין ליד „ווייסע בלומען": „האָבן דיביימער זייערע גרינע הענט אויסגעשטרעקט / און זייערע קעפּ געוואַשן". — וואו האָבן ביימער גענומען הענט און קעפּ? — ווען מיר אַסאָציאירן אָבער די געדיכט גרינע צווייגן מיט די אַנדערע פּרטים וואָס די בילדלעכקייט איז אין זיך כולל, הייבן מיר דאַן אָן ממש צו דערפילן דעם ווינט און רעגן וואָס צעוויגט די ביימער אַזוי, אַז די צווייגן הייבן טאַקע אָן אויסזען ווי גרינע הענט וואָלטן קעפּ געוואַשן.

אָט זעען מיר ווי ער פאַרוואַנדלט זיך מעטאַמאָרפיש אין אַ שטאַרבנדיקן בוים און ווי ער לעבט איבער די פּיינען פון אומקום פונעם בוים: (דער שטאַרבנדיקער בוים „אירליכט", ז. 107).

„עס טוט מיר ווי דער ריזן־טויט
פון דעם קאָלאָסאַלן בוים.
זיינע וואָרצלען שפּאַרן אַרויס פון דער ערד
אָנגעשטרענגטע, —
קראַמפּהאַפטע פינגער
בעשאַס די אויגן קוקן דער געפאַר
גלייך אין פּנים אַריין.
מיט די לעצטע כוחות האַלטן זיי אויף
דעם קראַנקן ריז ער זאָל נישט פאַלן".

— — — — — — — — — — —

זיין אינעווייניק איז טונקל און דאָס ליכט פאַר די לאָדנס ווערט פאַרשטעלט ווען ער דערזעט אַ מענטשלעכע האַריקע לאַפּע פאַרציט זיך איבער דער זון („ליכט פאַר די לאָדנס", ז. 11). אַ לאַפּע וואָס דערלאַנגט אַזש צום כביכול.

זיינע אימאַזשן זיינען אַלעמאַל באַלאָדן מיט וויכטיקן רעיון, ווייל זיין פּאָעטישע אינטואיציע איז אין תפיסה פון זיין געדאַנק. זאָגט ער אין זיין ליד „געבוירנטאָג" „יעדעס יאָר אַ געקעפּטער קאָפּ". אַנשטאָט דעם קרייז פון געבוירנטאָג־ליכט זעט ער געקעפּטע קעפּ און יעדער קאָפּ ברענט מיט אַן אייגן פייערל אין די אויגן. אויב זיין געדאַנק איז ניט ביכולת תופס צו זיין דעם זין פון אינטואיטיוון אויפבליץ, פאַרמאַכט ער די טיר... דערפאַר איז ער באַהערשט פון שטרענג דורכגעטראַכטע געשטאַלטיקייט; ווי ער וואָלט זיך צום סאַמע סוביעקטיווסטן באַצויגן אָביעקטיוו. — דערפאַר דער שטאַרק אָפּגערוקטער שטח פון זיך גופא. — ווייל ער קערט זיך באַוואוסטזיניק אָפּ פון ספּאָנטאַן אינטואיטיוון אויסדרוק טראָגט אויך זיין וואָרט־אויסקלייב אַ ראַציאָנאַליזירטן כאַראַקטער.

עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז גראַד פון דעם פון וואָס מיר ווילן אַנטלויפן פאַלן מיר אין קלעם פון דעם צוריק אַריין. אין אַ שמועס

מיט יעקב סטאָדאָלסקי האָט ער דערציילט, אַז ערב זיין פאַרלאָזן זיין היים־שטעטל פּאַריסאָוו, פּוילן אין עלטער פון צוועלף יאָר, האָט דער טאַטע זיינער, וואָס איז אויך געווען זיין מלמד, אים דערלאַנגט אין חדר אַ ניט־פאַרדינטן פּאַטש אין פּנים. די באַליידיקונג איז געווען דער שטויס און סיבה צו פאַרלאָזן אויף שטענדיק זיין היים.

צוליבן טאַטנס פּאַטש איז ער אויך געבליבן אויף שטענדיק אויף יענער זייט טיר. אין זיין ליד „פּאַטער־זון סינטעז" זאָגט ער:

„דו ביסט דאָס גייסט הויז, —
— צו דיין אַריינגאַנג
בין איך די אילוסטרירטע טיר".

ער אַליין איז די טיר צו זיך גופא און די טיר איז אַ פאַר־שלאָסענע. דעם טיר־מאָטיוו געפינען מיר אין אַ גרויסע צאָל פון זיינע לידער. ער זוכט אינעם ליד דעם שליסל צו דער פאַרמאַכטער טיר. וואָס שטרענגער ער פאַרטראַכט זיך, און וואָס מער ער שניצט און שלייפט אַ פּאַסיקן שליסל אַלץ שווערער ווערט צוצופּאַסן אַ שליסל אויפצועפענען די פאַרמאַכטע טיר.

סטאָדאָלסקיס ראיה און רעיון פורעמען הערמעטישע קאָלירפולע געשטאַלטיקייט. און מאָלן מאָלט ער הויפּטזעכלעך אויף וועלט־לייוונטן. טאָמער כאַפּט זיך ביי אים אַרויס אַמאָל אַ יחידישער קלאַנג, נעמט ער אָן תיכף דעם קלאַנג פאַרן האַלדז און אוניווערסאַליזירט אים. אין זיין „האַרבסט" ליד וואָס וואָלט אפשר ביי אַנדערע דיכטער אָנ־גענומען דעם כאַראַקטער פון לירישער געמיט איבערלעבעניש ווערט עס ביי אים אַן אויסערגעוויינלעכער חזיון פון ידיש נאַציאָנאַלן צער אָבער פון אַן אוניווערסאַלן שטייפּונקט:

„פון כמאַרנע גרינע
און וויאָלע געלע —
צעשפּליטערטע ים־שפּיגלען;
צו זשאַווער זילבער און מאַט גרעלע,

מיראַזשיק ציענדיקע וואָלקן־נעפּלען;
פליגלען —
טרעפלען —
ווי די אומבאַרוטע נשמות
פון אַזויפיל אומשולדיק אומגעקומענע יידן, —
בלאַס און גאַסטיש ווייסע ים־מעווען.
זיג־זאַג געשריי
אויף הפקר־ווינטיקע ספּיראַלן,
יאָמער כאָראַלן
אין ווילדע שכרות פון
רויב,
מאָרד,
כאַאָס,
און בלוטיקער געשפריי
פאַלן זיי
(אין מענטש פאַרשאָלטענעם קרייז)
ווי צעבראָכענע דיאַגאָנאַלן:
איינס,
צוויי,
צו עטלעכוויַיז:
אַראָפּ,
אַרויף,
אויף
שווימענדיקע קופּער־פלעווען —
צעשפּריצט
אין פאַרגליווערט רויט,
איבער מאַסן אומהיימלעכע
אַשיק־בלינד און פאַרווירטע וועלן ———
(איינגעפּאַסט אין אַ רינג פון טויט,
גייט אויף און פאַרגייט — די זון, —

איבער אַ וועלט פון נאַצי־בעסטיאַלישע געמעלן...)
ברוין
בלאָ
גראָ־גרימאַסן
ביז שטאַרבן —
געהימלט אַ גאָט —
אין פאָספאָר־געלן דאַרבן —

דער טאָן פון טאָג — מאָרביד —
איין אַמאַלגאַמע מיט
אונדזער ליד,
מיט אונדזער טרוים
וואָס גייט אַזוי טראַגיש שטראַלנדיק אויף
אויף יעדן היסטאָריש קאַטאַסטראָפאַלן זוים.

כמאַרנע מראה׳דיקער טאָג
מערדער־שאָטנס ליגן באַהאַלטן
אין אַלע דיינע געוואַלט־ריסן,
דיין מאָנסטער־פּנים
איז פול מיט אומענדלעך בייזן קומער
(זאהארע — דיינע אַמאָליקע אידעאַליסטישע וועגן) —

פונדעסטוועגן,
ווי אַ ייד אַן אמת פרומער,
און מיט דעם גלויבנסוויסן פון זיין אומה,
און מיט דער עקשנות פון זיין פאָלק אַלטן
קום איך טראָציק דיינע געוואַלטן אַנטקעגן:
אין קעל — שמע ישראל!
אין מיינע פאַרפייניקטע לעפצן:
ברוך ה׳ יום יום״.

מיט רואיק באַזאַכטער פאָרזיכטיקייט קאָמבינירט ער דעם שלל־דיקן קנויל פון פאַרב אין אַ טראַגישער פאַנאָראַמע, וואָס שרייט פון פאַרפייניקטע ליפּן אַרויס אין „פאַרגליווערט רויט״: שמע ישראל! און כאָטש ער פאַרענדיקט מיט ברוך ה׳ יום יום פראַלט ער אָבער פאַנאַנדער די יריעות פון די הימלען און אַנטפּלעקט אַזאַ עלנטע הימלשע לײדיקײט.

אין ליבע איז דאָ געטלעכע גבורה

(וועגן דעם אָפּטייל „דאָס גאָלד פון דיינע אויגן" אין
נייעם בוך „לידער" פון אסתר שומיאַטשער־הירשביין)

אסתר שומיאַטשערס גרופּע לידער „דאָס גאָלד פון דיינע אויגן" האָבן די קאָנאָטאַציע פון שיר השירים אשר לשלמה; עס איז אָבער ניט אַזוי פאַרבשמימט, געהילט און פאַרהאָנגען מיט אָריענטאַלישן שלל פון מאַטעריעלער אָרנאַמענטיק.

איר שיר־השירים איז אויסגע'צער'ט אין „אויסגעבאָדענער ריינ־קייט" און באַליכטיקט איר פּערזענלעכקייט. אין קאָנטראַסט צו שולמית׳ מלכותדיק עקסטאַטישער שירה, זינגט זי דאָס אהבת געזאַנג איבער דער געשטאַלט אין טויטס שאָטן... איר ליד איז אַ טראַגיקער אַרויס־רוף צו אַ ביטער גורלדיקן פּאַטום. דער דערווידערשער פּאַראַכט איז גבורהדיק, לידנשאַפטלעך און צאַרט. איר טרויער איז טיף, ווי סע איז שטראַלנדיק זיין נאָמען אויף אירע ליפּן. אָפּעכאָדיק הערט זי:

„— יהי אור!
אַן אות. אַ וואָרט. אַ מחשבה. אַ שורה.
אימהדיק קלאַפּט אין מיין האַרצן אַ בשורה.
אַ, שגעון,
מיין צעפּייניקטער שגעון!
ווער קאָן דיך באַצווינגען,
ווער קאָן דיך געטרויען?
אין ליבע, זאָגסטו איז דאָ געטלעכע גבורה?"

אין ליבע איז דאָ געטלעכע גבורה; אָבער אויך איז דער טיף דורכגעפילטער פלאַטער איבער דעם תהום צווישן זיין און נישט־זיין אַ כמו שיגעון־צושטאַנד. ווערטער און צייכנס שניידן זיך אין שאַרף און בליציק מיט דעם ניט־קאָנטראָלירטן מאַגישן בענקשאַפט־כוח וועל־

כער דערלאָזט ניט צו אַקצעפּטירן די ווירקלעכקייט פון טויט. דאָס איז אַ צווישנמאָמענט וואָס איז ניט לעבן און ניט טויט, נאָר אַן אויספאַנטאַזירטע ווירקלעכקייט פון לעבן.

— דאָס הערט די דיכטערין אין דער בשורה וואָס קלאַפּט אין איר האַרצן. מיט ליידנשאַפטלעכער גבורה קלאַמערט זי זיך אָן דער געשטאַלט. סע דאַכט זיך ווי זי וואָלט פּרובירט זיך פאַרגנבענען הינטער די שוואַרצע פליגל פון טויט און אויף אירע הענט אים צוריקברענגען צום לעבן. איינגעהילט אין אויסערגעוויינלעכער שטילקייט הערן מיר אַן אינעווייניקסטן ציטער:

„איך לייען דיינע אויגן
מיין ליבער,
אַ פייערלעכע מגילה דיין פּנים,
אַ נייער בראשית
אין אָנהייב פון זאַכן.
נו, דערנענטער זיך,
טו נישט די אויגן פאַרמאַכן;
באַריר מיך,
צענעם מיין פאַרוואָלקנטן הימל,
זאָג: יהי אור!"

דאָס איז רעאַליזאַציע דורך מסירת נפש. דורך אָט־דער בענקשאַפט איז זי מתקן דעם מהות פון איר עמאָציאָנעל לעבן. זי דערפילט אים ווי ניי צעבליט לעבן אויף די שפּיצן פון אירע חושים:

„דאָס געשריי פון מיין האַרצן טוט צומאָל מיך פאַרטויבן —
מיין לייב ברענט ווי אַ סנה אין מדבר.
ווען איך טו דיין צערטלעכקייט לויבן". (אַ תפילה)

סע איז אַ מין פרייד דורך פּיין. טרינקט זי זיך אָן אַ פולן בעכער מיט טרויער און זאָגט: „די ביטערניש איז מיר זיס". זי נעמט דאָס

אָן באהבה און פאַרוואַנדלט דאָס נאָקטורנע אומפאַרשטענדלעכע אין אַ וואונדער און אין אַ שטראַליקן חלום. — ניט נאָר הויכט צאַרטקייט פון די שורות, נאָר אויך שטאַרקע אַנטשלאָסנקייט אין עמאָציאָנעלן אויסדרוק. אין דער אויסגעחלומטער ווירקלעכקייט און אין דער שטילער תפילה געפינט זי איר טרייסט.

פאַרוויקלט זי זיך אין זיין שאָטן און רופט אויס מיט נצחון: „דיין האַרץ קלאַפּט מיטן ריטעם פון דער וועלט!" („מיין געליבטער"). זיצט זי פאַר איר בין־השמשותדיק פענצטער און זוכט דאָס רחמימדיקע ליכט:

„וואו איז דאָס ליכט
דאָס גאָלד פון דיינע אויגן?"

זי דערפילט זיך אין זיין שאָטן. סע גייט אויף די געשטאַלט וואָס פאַרשאַפט אַזויפיל פרייד דורך פּיין. די באַזונגענע ליידנשאַפטלעכע התדבקות איז פאַר איר הייליקע תמציתדיקייט:

„זע, איך גיי,
איך קום דיר אַנטקעגן,
פון דיין נייעם בראשית באַרוישט;
שיין איז דיין פּנים און אָפן!
לייג דיינע הענט אויף מיינע אויגן,
מיט שוויגן,
מיט נייעם בטחון.
ביסט אייביקע נייקייט,
נ צ ח ו ן
און אייביקע טרייקייט
דיין רוף —
דער יונגער שמייכל פון שרון
דיין שירה —
דער הייליקער פונק פון יצירה".

די דיכטערין האָט דאָ ניט נאָר דעם אַלט באַקאַנטן ניגון פון שיר השירים, נאָר אויך אים דערהויבט און באַנייט. „דער הייליקער פונק פון יצירה" פלאַמט אויף אין איר וויזיע און אין „לייב וואָס ברענט ווי סנה אין מדבר". ביי איר איז פאַראַן דער ניגון פון שיר השירים, אָבער אָן די גופיש באַפליטערטע גוזמאות. זי זוכט איר געליבטן „אין אויסגעבאָדענער ריינקייט". כאָטש אין איר ניט־גע־צוימטער בענקשאַפט זאָגט זי:

„שמעקסט מיט בשמים־בלעטער, מיט גראָז, מיט נאַכט־טוי,
און מיט ערד
מיין געליבטער!"

„דאָס גאָלד פון דיינע אויגן" געשטאַלטיקט אין חשיבות די שומיאַטשער־הירשביין פערזענלעכקייט. עס איז אַ פאַרבאָרגענער ניגון פון אייביקן טרויער און טרייסט, וואָס דערגענטערט און צעשיידט; ווי אַ וואונדער־ליכט וואָס גייט אויף און פאַרגייט; סע איז דאָס געזאַנג פון געזאַנגען אויף דעם טראַגישן פרשת הדרכים צווישן זיין און נישט־זיין. מע פילט דאָ אַ פיבערישע וואַרעמקייט פון אַ וואונדערלעך פאַרבענקט האַרץ:

„זיין אָטעם — ערדישע גבורה,
זיין לייב — וואַלדיקער מאָך;
אַ קוואַלנדיק וואַסער זיין שעפּטשען,
זיין קוש — אייביקער תוך". (ליד: „מיין שיינער חלום")

◆

ירמיהו העשעלעס — סאָנעטן פון תוהו ובוהו

פון אַזויפיל פינצטערע און צעקרומטע לאַבירינטן און אומפאַר־שטענדלעכקייטן קומט דער דיכטער און פרעגט מיט וואונדער, וועמעס לשון איז זיין לשון? — אָבער כדי צו דערקענען זיין אייגן לשון הייבט ער אָן מיט בראשיתדיקייט, מיט „והארץ היתה תוהו ובוהו". כדי אָפּצושווענקען פון זיך השפעהדיקן פסולת און באמת דערהערן זיין אייגן קול, טראָגט ער זיך אַריבער צו קדמון הקדמונים; כדי זיך אויפצוהייבן איבער דער וועלטיש דיסאינטעגרירטער ווילדער דאָרנדיקייט און דערפילן די אייגענע צורה שטעלט ער זיך דערפאַר אַוועק קודם־כל אויף פונדאַמענטאַלע געבאָטן און באַגריפן. אין חרוב־בער שטילקייט פון ביטערסטן נע־ונד בייט ער אויס גן־עדנישע אַבסטראַקציעס אויף ערדיש קאָנקרעטע ווערטן. אָבער דאָ אין שאול תחתיה וואו —

„פון ישוב אַרויס, אין רויטן שניי, זשליאָקען
וועלף בלוט פון שאָפּענע גאָרגלען" — (ז. 140)

דאָ וואו מענטש טראָגט גאָט אויף די אַקסלען, ווי מע טראָגט אַ מת צו קבורה, האָט ער אַ טרייסט, אַז דער שר של שכחה וועט מיט אַ קוש פאַרשליסן די טיר פון זיכרון. אין „ווינט אויף זאַנגען" זינגט ער אין פאָלקישן נוסח:

„צעבראָכן זע איך נאָר מיין קריגל,
מיין טויב דערשטאָכן ליגט;
פאַלן שערבלעך אויף מיין וויגל,
בלוט מיין אָטעם שטיקט". (ז. 143)

ער טראַכט קדמונדיק. אינעם שטילן טראַכטן זעט ער קלויז אין וויסטער שטאָט און ווי דער שלאָס פון דער היימישער טיר

כריפּעט אין פּאַרדריי און אין פּאַרשליס. ער וויל אויפשליסן און עפּעס עמעץ טוט פון אינעווייניק פאַרשליסן. גייט ער צוריק צום קלויז און ער דרייט זיך פון לײדיקייט צו ליידיקייט; אומזיסט זוכט ער די זיו־השכינה אין די שאָטנס פון די ספרים שענק. — ווייל „אין פינצטער גייט אַ זאַלבעצווייט: אַ טאָג לאַכט — מיט ספק נאַכט" (ז. 147).

מיטאַמאָל פּאַרגייט ער צום „איידער־אָנהייב פון באַשאַף" און אויגן נעמען זוכן ליכט אויפן בלאַנקן דף. — און אַ נקודה ווערט פּאַרוואַנדלט אין זיבנזוניק ליכט וואָס שליסט אויף דעם „קבר קלעם" פון קלויז. דער דיכטער ירמיהו העשעלעס וויל באַווייזן, אַז פון אַזאַ מעטאַפיזישן חזיון האָט אויפגעלויכטן איינשטיינס געאינסופטע אויג און אַז די זיו־השכינה איז אַ קאָנטראַפּונקט אויף וואָס סע רייטן זאַלבעצווייט שד און אויך גאָט. דאָס זעט ער אינעם קלעם פון קלויז אַרייננעגראָבן אין דער נקודה פון בלאַנקן דף.

מיט דעם קער פּאַרקניפּט ער זיך מיטן גרויס מאַטעמאַטישן גייסט פון אונזער צייט וואו פּאַרויס און צוריק קומען זיך צונויף אין מינוס איינס, וואו יש ווערט אויס, פּאַרגאַנג אין גרעסטן אַנט־מענטשלעכסטן ברויז. מאַטעמאַטיש סינטעטישער סדר איז נולד אַ וויג אין קבר; אַ כאַאָטישער בראשית וואָס איבערשטייגט אַלע יש־לאָזע ישן פון פאַר ששת ימי יצירה.

דער סוד פון תוהו ובוהו איז אין רשות פון מענטש, אָבער דער סוד פון יצירה איז נאָך אַלץ אַ בלאַנקער דף. די נקודה אויפן בלאַנקן דף איז דער טאָפּלטייטש און פועל נולד פונעם זיווג צווישן דעם דרויסיק און אינערלעך אויג. דאָס דרויסיקע אויג זעט אַלץ אין אידענטישער נאָענטקייט, דאָס אינערלעכע אויג פּאַרטייטשט און אַנטפּלעקט אין פּערספּעקטיוו דאָס אינערלעכע לעבן דורך דרויסיקע סימנים און רמזים. געטאָפּלט איז דער גאַנצער „פּראָגרעסיווער" גאַנג וואָס גייט הינטערווײלעכץ דורך ספּיראַלישע וועגן צום אַל־באַשאַף וואָס וועט פּאַרווירבלען — „פון מענטש, דורך חיה, פּלאַנץ צום אורסטן אור" (ז. 29).

געטאָפּלט איז דער אַל־באַשאַף. פון ים ווערט אַ טייך; עקס־טאַטישער קאַראַהאַד לאָזט זיך אויס אין הבל הבלים און יש איז פאַרקנאָטן אין גאָרנישט. „והארץ היתה תוהו ובוהו". מיר ראַנגלען זיך פון דער ענגעניש פון קבר־קלעם. — וואָס העכער דאָס שטייגן אַלץ נידעריקער דער פאַל; וואָס ברייטער דער אוניווערסאַלער פאַר־נעם, אַלץ קלענער דער לעבנס־שטח. ניט נאָר אויף דער ערד, נאָר אויך אין הימל איז אַנטשטאַנען אַן ענגשאַפט.

„מיין ענגע וועלט רייסט זיך ביים הימלווים". (ז. 32)

אינעם באַגער צו דערבליקן די אייביקייט, ווערט מען קוים אַ פּאָדעם אינעם „ראָד־איין, ראָד־אויס":

„סע איז אַ מין ספּיראַל, וואו יעדער נייער איך
פון מענטש דערווייטערט זיך פון מיט, און קערט
זיך אום — כמעט — אין זעלבן וועג; נאָר ווערט
אַרויסגעשטופּט פון קרייז; דערכאַפּט זיך גיך
— — — — — — — — — — —
און לויפט צוריק אַרום דער אַלטער אַקס
נאָר מיט אַ נייעם היקף" ——— (ז. 37)

ער גייט „אַרויס צו דער זון" מיט תמציתדיקע תמציתלאָזיקייט. פון דער נקודה אויף בלאַנקן דף טראָגט זיך דער דיכטער „ווי אַ ווייסע טויב" וואו די זון פון אייביק לעבן גליט" (ז. 354). — די זיו־השכינה צעשטראַלט זיך מיט נוקליאַרישע פּערפעקציע; — אין אַ גיהנומדיקן היקף מיט אַ הייליקן צוזאָג פאַר אַ פּערפעקטער צוקונפט...

ירמיהו העשעלעס שווימט אין טיפע וואַסערן. שווימען שווימט ער אָן אַ שווימגאַרטל. — ער איז אַ סמוך עצמו. ער האָט אָנגע־נומען זיך מיט אַן אָטעם וואָס צעוואַקסט זיך אין געשווים. זיין מוזיקאַליש קול פאַרמאָגט אייגענעם ניואַנס. זיינע סאָנעטן זיינען עטיודן איבער אַ פּאָעטישע פּערזענלעכקייט, וואָס קוואַלט מיט אַ

ליריש קול אין קלאָרע שטראָמען; וואָס איז תופס זיך, טראָגט אַ וועלט אויף דער שוועל פון אייביקער אומענדלעכקייט. זיין כוח ליגט גראָד אין איינציען זיין קול צו צמצומדיקער דינקייט. זיין פּאָעזיע דריקט אויס אַ סוביעקטיווע ראָמאַנטיק וואָס איז באַיאָט מיט עקשנותדיקער עצמדיקייט. דאָס איז אַן איכות וואָס וואַקסט ניט כמותדיק, נאָר קוואַלט אַרויס ווי דער אויסגעשיילטער גול פון נישט־געוויכט. זיין הסברה איז אַ סינטעטישע צונויפגעהאַפטנקייט פון מחשבה און עכטע פּאָעטישע הרגשה.

כאָטש ער געפינט זיך אין מענטשנוואַלד צווישן אויסגעזעגטע ביימער (ז. 104) וואָס איז „אַנטבוימט אין פּנימלאָזן כלל" (ז. 105) גייען אויף אין אים תנ"כישע און פאָלקישע ניגונים. — דורך זיי געפינט ער לשון פאַרן תוהו ובוהו אין וועלטישן גול. — און ווייל זיין שירה איז עכט נאַציאָנאַל און פאָלקיש איז עס שוין במילא אויך וועלטיש. די איכותדיקע מדרגה פון זיינע לידער איז גראָד, די בלאָסקייט, די דין געצייכנטקייט און די גרויע שאָטנדיקייט וואָס אָטעמט פון זיי אַראָפּ. אין דעם בוך לידער רעדט שאָטן דורך שאָטן; טיף עמאָציאָנעלע איבערלעבעניש דורך קוים באַוועגלעכע ליפּן... די דיכטערישע פּערזענלעכקייט שטייט אין אַ זייט פונעם תוהו ובוהו אַ טראַגיש פאַרשעמטע. ער איז אָפּגעטאַרט פון אָנהייב ביזן כמעט סוף. נאָך הונדערט זייטן פון נעגאַטיוו, זאָגט ער אין „אייגנליכט" (ז. 103):

„מיין פּנים האָב איך היינט צום ערשטן מאָל
באַגעגנט — נישט, אין שפּיגל: אומגעריכט
אַ בלענד געטאָן האָט אימעצנס געזיכט
פון פליש־קנויל. האָב איך זיך דערפילט פון צאָל
אַן איינס", ———

גאָט צי אומגאָט ! — סיי ווי סיי הערשט אַ טויטע שלוה איבער וועלט וואָס ווערט צעריסן פון אור־דילעמעס און קאָן צו קיין טאָלק

ניט קומען. אין זיין גרויס אויסשאַלנדיק געוויין הערט מען אַ סאַטירישן אויבערטאָן אין דעם אַלטן לעבעדיק געבליבענעם שמש׳ קול:

„עם קדוש, שטיי אויף״ — הילכט דורך גאַסן פאַרשטאַרטע, —
„און גיי לעבודת הבורא, כי לכך נוצרת״ (ז. 87)

און דער דיכטער שטייט אַן אויסגעגלייכטער „ווייל קיין שגורן פאַר־נאַפלט מיך ניט צום חוץ, און פאַרווישט האָט מיך קיין פאָרמולע — אין וועג דורך איכלאַנד״ ——— (ז. 112).

ער דערגייט צום פאָזיטיוו דורך פיינענדיקע ספקות צום זעלבסט־דערקען; — די העכסטע עטישע און אויך עסטעטישע דערקענטעניש:

„זיבנשלאָסיק״ (ז. 177)

אין אויסגרייך צום דרויסן
צום פרעמד־רוים, אַרויס פון מיר —
האָב איך פלוצים זיך אָנגעשטויסן
אויף אַ פאַרבאַרגענער טיר,
זיבנשלאָסיק
באַוואַכט: —
און פייער־אותיק
האָט אַ וואָרנונג געשריגן
אַריין אין דער נאַכט:
„שטיי!״
„האָב איך די לעצטע שוועל
באַשטיגן
צום הויז פון זיך אַרויס?״
— רייסט זיך אין מיין קעל
אַ פרעג —
„האָט שוין אויסגערונדיקט זיך מיין וועג
פון אויפגיי צום פאַרגיי?״

נאָר טיר האָט געטויבט
און פייערוואָרט — איר איינציק לשון —
האָט זיך נאָך רויטער געצונדן
און אין מיר פאַרלאָשן
דעם ווילן — פון וועג דעם רונדן,
זיך אויסצוכישופן ; און מיד, פאַרשטויבט
פון וייטן וואָגל, האָב איך זיך צוריקגעצויגן
פון דער שוועל.
— פליט די פייל צוריק
צום בויגן, אויב זי האָט פאַרלאָזט דעם שטריק ?

פאַרוואָס זאָל איך אין ראָד
זיך קרייזן,
און זעלבן טראָט
אויף היקף איבערשפרייזן,
אָנצושלאָגן זיך ביים סוף אויף טיר,
וואָס פאַרווערט דעם סוד
מיר הינטער איר ?

און אפשר איז פאַראַן אַ ראָד־אַרויס
דורך שפריך
צום צענטער, און צום אייגנהויז
אין טיפסטן זיך,
נאָר דער וואָרעם אין זיין קריך
זעט דעם היקף בלויז ?
מוז איך וואַנדערן פון שטויס צו שטויס
אין אַ טיר, אַ פאַרבאָרגענער,
און מיט אַ טרער
דערוואָרגענער
באַוויינען מיין דערגאַנג אַהער ?
מוז איך אויך

פון אָדלערס הויך
אין ראָד זיך צירקלען, אָן אַ װענד, אָן קער ?

בין איך דורך שפּריך פון ראָד אַנטרונען
און אין צענטער זיך געפונען,
און אײנגעשפּיגלט
זיך אין אײגנרוים,
און אויפגעריגלט
נאָך שװעל פון טרוים
אַ טיר,
װאָס האַלט דעם סוד
פאַרזיגלט
אַפילו פאַר גאָט —
נאָר נישט פאַר מיר.

װאָלט איך װען געגלויבט, אַז אין מיר, טיף
איז פאַראַן אַזוי פיל װעלט,
פון אײגענער זיו
השכינה אויפגעהעלט —
נאָר מײן ערדיש אויג האָט דעם זין פאַרשטעלט
פאַר מיר, הינטער אַ געהײמען היעראָגליף ?

האָב איך געװאוסט, אַז דאָ, אין אײגנװאָר,
װעט קײן שלאָס,
קײן זיװוג פון אַן אות מיט אות,
פאַרװערן מיר דעם היכל, װי אַ זר ?

נאָר
איך װעל אומגײן צװישן מער ממשות,
אין ליכט פון אײגענעם בײטאָג,
װי אין דרויסנװעלט פון מאָס־און־װאָג
אין שאָטנשײן פון בין־השמשות ?

האָב איך געוואוסט, אַז דאָ,
אַרומגעפּאַנצערט אין מיין הויט,
הערש איך איבער לעבנס יאָ —
און, אפשר, איבער ניין פון טויט?

ד'רום שטיי איך אין מיין קדשי קדשים און בענטש
די ווייטע שעה אויף שיידוועג, ווען
איבערהאַנט האָט מענטש
געקראָגן איבער מיר, און מיינע שפּען
אַרויסגעפירט פון כישוף־ראָד
און צוגעבראַכט צום זעלבסטדערקען,
צום טיפסטן גלוי־סוד,
נאָך יענער טיר, וואו גאָט
אפילו איז קיינמאָל נישט געווען.

◆

פּראָפיל פונעם פּאָעט אברהם סוצקעווער

ביי דעם גרויסן יום־טוב אין ירושלים, לכבוד דעם 50־טן געבוירנטאָג פון אברהם סוצקעווער האָט דער בעל־יובל דערקלערט:
— ערשט אין געטאָ האָב איך אַ בונד געשלאָסן אויף טויט און לעבן מיט מיין יידיש ליד. ווען די זון גופא איז, דאַכט זיך, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש — האָב איך געגלייבט באמונה שלמה: כל זמן דאָס ליד פאַרלאָזט מיך ניט, וועט מיך דאָס בליי ניט פאַרטיליקן; כל זמן איך וועל אין טויט אַרומרינגלונג לעבן דיכטעריש, וועלן אויסגעלייזט ווערן און אַ תיקון באַקומען מיינע יסורים. — און ער האָט דערציילט וועגן אַן איבערלעבעניש, און ווי אַזוי ער איז טראָץ זיינע יסורים, דיכטעריש אויסגעלייזט געוואָרן:

„אַ צעשלאָגענער פון שטורמיסטן וואָס האָלטן מיך אין נאָכיאָגן, אַנטלויף איך אַן אָטעם פון צווישן זייערע בייטשן און פאַל אַריין אין אַ גרוב ביז אויבן אָנגעפילט מיט צעפירטן קאַלך. איך ליג פאַרזונקען אינעם קאַלכוואַסער און די וואונדן ברענען, ווי כ׳וואָלט געלעגן אין פייער. פלוצים דערזע איך עפּעס שיינס און איינמאַליקס: דאָס בלוט מיינס נעמט זיך ציען אין דער קלעפּיקער ווייסקייט און מאָלט דאָרטן אינעם קאַלך אַ וואונדערלעכן זונפאַרגאַנג... איך פאַרגעס די ברענעניש פון מיינע אָפענע וואונדן, פאַרגעס, אַז באַלד, קאָן מיך אַ שטורמיסט געפינען, און ראַטעווען זיך אַ צווייטן מאָל וועל איך שוין ניט באַוויזן. די דיכטערישע איבערלעבונג איז אָבער פיל שטאַרקער, און איך זינג פון גרוב אַ דערהויבענער: — און ס׳ציען זיך פון מיר פליציקע רובינען, טריפן, רינען שורותדיק ווי לידער און וואַרצלען איין אַ שמייכליק־ראָזן זונפאַרגאַנג אין קאַלך. איך האָב ביז דעמאָלט ניט געוואוסט, ניט געקענט זיך פאַרשטעלן, אַז אַ מענטש איז מסוגל צו באַשאַפן אַ זונפאַרגאַנג פון זיך גופא... און אַז איך האָב דאָס דערזען און

איבערגעלעבט איז געבוירן געוואָרן אַ ליד, וואָס האָט אויסגעלייזט דעם ווייטיק" (ציטירט פון „גאָלדענע קייט" נ. 47).

דעם דיכטערס בוך לידער „אָדע צו דער טויב" הייבט זיך אָן דערפאַר מיט שירה צו דער פּאָעטישער השגחה וואָס האָט אים ניט פאַרלאָזט אין פאַרצווייפלטע שעהן פון ביטערן ניסיון. דערציילט דאָרט דער דיכטער וועגן זיין יוגנטלעכער פּאָעטישער התגלות אין צייכן פון דער טויב. פרעגט אים די טויב:

„וואָסער מתנה פאַרלאַנגסטו, נאָר שלאָג זיך ניט מיט דער דעה
אפשר דעם סוד פון מיין ווייסקייט, אַן אייביקן שניי, אַ קמיע?
ענטפערט דער ייִנגל בגילופין: מיין ליבינקע בין איך דיר טייער,
קום, אַז אַמאָל כ'וועל דיך רופן אין רעגן, אין שניי און אין פייער".

(ז. 1)

און די טויב איז געקומען אין פייער און אין מרה שחורה. זי איז געקומען ווען ער איז געווען פאַרטרונקען ביז קאָפּ שווינדל מיט ביטערניש. ער ווערט דורכגענומען מיט פּאָעטישן כוח און איז אויף זיך גוזר: „כ'וויל זען די טויטע!" (ז. 77) — און סע נעמען שווימען פאַר אים פון דער אויפגעשניטענער ערד די טויטע „אין גרינקייט פון אַ וואָלקן מיט געפּלאָצטער גאַל". סע איז אַ קאָליר געמיש פון לעבן און טויט. ער קומט נענטער, נענטער צו דער ווימלעניש. מיט פיבערדיקע אויגן זעט ער:

„מענטשן שווימען דאָ ווי פיש. אומצאָליקע פּאָספּאָרנע פּנימער. יונג, אַלט, און יונג־אַלט אינאיינעם. אַלע וואָס כ'האָב זיי געזען אַ גאַנץ לעבן און דער טויט האָט זיי געזאַלבט מיט אַ גרינער עקזיסטענץ, אַלע שווימען זיי אַרום אינעם אַקוואַריום, אין אַ מין זיידענער לופטיקער מוזיק. — דאָ לעבן די טויטע!" (ז. 78)

אין דעם שוואַרצן אחרית הימים האָט „אַ רידל זיך אַליין אין קבר פאַרשאָטן". — און דער טראַגישער גראָטעסק שטייגט ווען ער

זעט ווי „שטיינער האָבן זיך אַליין פאַרשטיינט" (ז. 14). דאָס איז ניט סתם פּאָעטישער אויסדרוק, דאָס זיינען קאָנוואולסיווע אויפצי־טערנישן וואָס בלייבן טיף אין זכרון... אַ וועלט וואָס איז זיך אַליין מקבר...

אַלץ וואָס איז פאַרבליבן איז אַ צעהאַנגענע שטילקייט אויף איבערגעבליבענע צייכנס פון דער „בלינדער היענע" און אויף די „פּנימער וואָס שטעקן אויף העלזער ווי שאָטנס פון העק אין דער נידער" (ז. 11). מענטשן אויפגעלייזט אין דראָענדיקע שאָטנס...
אין אָפּהילך פון אָט דער ליאַרעמדיקער שטילקייט, זאָגט ער:

„אַלע רוישן, אַלע קלאַנגען שלאָפן
און די אויגן צווי וואָס זייַנען אָפן —
אויגן צווי פון גאָט וואָס זיינען אָפן".

גאָטס אויגן אויף רצח'דיקער וועלט. אָן רוישן, אָן קלאַנגען, אויגן פאַרגליווערט. געזאַנג קעגן אומקום אין פאַרטויבנדיקער שטיל־קייט און גאָטס קול איז שטום... אויך די לבנה איז גרייט איינ־געזאַמלט צו ווערן אין דער שוואַרצער אינסופיקייט, וואו דער טויט „האָט שוין אויפגעפרעסן אַלע שאָטנס פון די ביימער" (ז. 55).

אין דער פיינפולער איבערלעבעניש זאָגט ער אין שטילסטער שטילקייט: „בייגט זיך ביי אַ לאָמפּ אַ דיכטער... עלנט ווי אַ טרער, וואָס האָט ניט קיינעם, ווער ס'זאָל זי באַוויינען" (ז. 68) סע איז אַפילו ניט פאַרבליבן ווער, די טויטע צו באַגראָבן.

אין דעם מיראַזש ווענדט ער זיך צו דער פּאָעטישער השגחה:

„וואוהין זאָל איך טייבעלע וואָגלען?
אויגן פון טויטע ווי נעגל באַשלאָגן מיין גוף און זיי נאָגלען
צו מיין נשמה צום גאָרניט".

און די טויב ענטפערט אים:

„כ'וועל מיינע פליגל דיר אָנטאָן, אַרויסציען וועל איך די נעגל".

זיין פּאָעטישער כּוח איז גובר דעם פּיין און שליטה וואָס עס האָבן אויף אים „די פּנימער וואָס שטעקן אויף העלזער ווי שאָטנס פון העק אין דער נידער". — —

סוצקעווערס ליד איז אינעם ליכט־קרייז אַרום וועלטישן שאָטן. אין דער וועלט־שרעק פון פאַרטויבנדיקע דיסאַנאַנסן; פון ביינער וועלכע ער באַלעבט, וואַקסט אויס דער דיכטער אינעם ליכט־קרייז און רופט אויס: — „איך בין דער אָפּהילך פון שטילקייט, וואָס נעמט דיך אַרום אין אַן עיגול" (ז. 15).

זייןווירקלעכע גאַנצקייט לייכט דורך גראָטעסק אָפּגעבראָכענע פראַגמענטן. ער רעקאָנסטרואירט די צעברעקלטקייט אין אַ גאַנצקייט מיטן טיפן מהות און תוך פון זיין פּאָעטיש דורכגעלעבט לעבן. די וואָר איז איינגעראַמט אין חלום; און זיין חלום האָט אַ פּאָזיטיווע שליחות: אָפּצולייזן די לײדיקייט פון טויט. וואָס מער ער איז ממלא דעם טראַגישן נעכטן מיט זיין חלום, אַלץ נענטער קומען מיר אין דער געגנוואַרט פונעם פּאָעט. ער קומט ניט מיט קללה אויף ליפּן קעגן מענטש און גאָט. אין פּיין פון אומקום גייט אויף זיין אייגן ליכט.

אין זיין בוך לידער „אין פייערוואָגן" זאָגט אברהם סוצקעווער:

„פון זינט איך געדענק האָבן געפינצטערט אין אונזער כאַלופּע
אַ הויקערדיק אַלטע מפּולת, אַ יענוועלטיק צימער.
אַזוי ווי ס'וואָלט עמעץ פון וואָלקנס געשפּונען אַ חופּה
פאַר שאָטן געשטאַלטן, געבוירן פון בליציקן שימער". (ז. 123)

פון דער געפינצטערטער יענוועלטיקייט איז אַנטשטאַנען אַ ראיה, וואָס איז תופס די אומפאַרשטענדלעכע ווירקלעכקייט אין חלומות־דיקע אויפבליצן. אַ ליכט בליצט אויף אין העלן בליאַסק און כהרף עין פאַרגייט. אָבער דאָס פאַרגייענדיקע ליכט טראָגט זיך איבער אין דער אינערלעכער ראיה אויף לאַנגן דויער.

אברהם סוצקעווער איז פול ווי אַ מילגרוים מיט געשטאַלטן

וואָס געשטאַלטיקן זיינע לידער. זיי קוקן דורך זיינע אויגן; ער פילט זיי מיט זיין אייגענעם אָטעם. קרייצן זיך קולות דורך זיינע פערזן און אַ בת־קול הערט זיך פון פאַרוואָגלטע וואָס געפינען אַ תיקון אין סוצקעווערס ליד. — זיינע טריט לאָזן איבער סימנים פון דער סאַזשע און אַש פון די קדושים. אָבער ווי ער זאָל ניט זיין אַרומ־געריגלט מיט צעטרייסלונג און וויפל שטעכיקע בליציקייט סע זאָל נישט שפּאַרן פון זיין לשון, ווערט אָבער אָפּגעהיט זיין קערנדיקע שלימות; אַ שלימות וואָס לייכט אַרויס פון זיינע שאַגאַליש גראָטעסקע אויפבליצן:

„ס׳פּאַלט די זון אַראָפּ פון אַ טעראַסע
און אויף די אַקסלען כאַפּן זי די קינדער". (מדבר־סיני, ז. 11)

ווי קאָן מען טיפער תופס זיין דעם תהום פון אונזער לעצטן חורבן ווי אין די צוויי אומשולדיקע שורות:

„זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געווען אַן אַ קינד". (דאָרטן ז. 39)

ווי קאָן דער שכל מחיב זיין אַ שטאָט אָן אַ קינד. דאָס איז אוממעגלעך תופס צו זיין, ווייל סע ווערט אין אונז אינעווייניק ענג אַזש צום פּלאַצן.

לעבט ער ווי ס׳וואָלטן אים שטענדיק באַוואַכט די אויגן פון טויטע בייטאָג און ביינאַכט.

זיין דיכטונג איז פאַרהוילן אין מיסטעריע. איבער שורות ציען זיך ווי זיידענע פעדים אומבאַרירטע קרייזן, אין וועלכע סע לעבט די קרעאַטיווע וויזיע פונעם פּאָעט. זיינע לידער זיינען געזאַלבט אין נאַכטיקער בלויקייט, אָבער ער באַלעבט זיינע פּאָעטישע התגלותן מיט אַ פאַרביקייט וואָס דערפרישט און מינערט די פינצטערניש. קאַליר מיט זון־צעפינקלטן סאַמעט־בלוי איז אין זיין דעפיניציע וועגן פּאָעזיע:

„אַ טונקל פּיאָלעטע פּלוים
די לעצטע אויפֿן בוים,
דין־הייטלדיק און צאַרט ווי אַ שוואַרצאַפּל,
וואָס האָט ביינאַכט אין טוי געלאָשן
ליבע, זעאונג, צאַפּל,
און מיטן מאָרגנשטערן איז דער טוי
געוואָרן גרינגער —
דאָס איז פּאָעזיע. ריר זי אָן אַזוי
מע זאָל ניט זען קיין סימן פֿון די פֿינגער". (דאָרטן ז. 75)

פֿון דער קינדישער פֿראַגע, ווי לאָזט מען ס'בלוט אַריין צוריק אין אַלע טייערע, זאָגט ער:

„פֿלעג איך וויינען אין די נעכט
זיך שלאָגן קאָפּ אין חלום". (אין פֿייערוואָגן ז. 143)

און אין די חלומות טראַנספֿערירט ער זיך אין טויטקייט, כדי צו באַלעבן די טויטע. ער פֿרעגט:

„וועמען טראָגסטו אויף די הענט צום פֿייער,
ווייסע מרים ?
איז עס ניט מיין גוף שוין לאַנג פֿאַרשוואונדן פֿון זיין צירקל ?
מיינע קאַלטע מירמלגלידער פֿילן דיינע הענט.
און דיין אָטעם, ווי די זעל פֿון גאָט על פּני המים
שוועבט אויף מיינע כוואַליעדיקע ריפּן,
אויף מיין האַרץ.
וועמען טראָגסטו אויף די הענט צום פֿייער,
ווייסע מרים ?"

און דעם פּאָעטס קול איז באַגלייט מיטן ווידערקול פֿון זיין פֿאָלק. ער פֿילט טויטקייט אין איר אָטעם. „מיינע קאַלטע מירמל־גלידער פֿילן דיינע הענט". ער באַלעבט די טויטע, ווייל אין ערגעץ־

ניט, ניט אין הימל, און ניט אויף דער ערד איז פאַראַן אַן ענטפער אויפן „פאַרוואָס ? !"

זיין פעריפעריע איז צווישן הימל און ערד. — צווישן זיין און ניט־זיין איז ער זיך מתיחד מיט פאַרשטומטע נשמות. אויפן שליאַך צווישן יאָ און ניין, זעט ער אַ וואָלקנזייל פון אומקום, אָבער אויך אַ פלאַמענזייל פון לעבן. אַליין אַן איינגעהילטער אין „אייגן ברענענ־דיקן שאָטן", האָט ער געזען „ווי אַ גאַנצע נאַכט געפלאַקערט האָט אַ זידנדיקער שייטער" (דאָרטן ז. 151) און עס טאַנצט די ווייסע מרים דעם טאַנץ פון פייער נאַקעט שטומערהייט.

מיט אויפגעפלאַצטע ווערטער גליאיקע ברענגט ער צונויף גע־שטאַלטן, אימאַזשן און דורך זיי זינגט ער אין אַן אָפּגעהאַקטער שטילקייט אַריין. ער זאָגט : „בישטיקייט ברידער, ס'איז הבל הבלים, כל זמן איר וועט ניט געפינען דעם חלום" (דאָרטן ז. 51). ער טראָגט איבער צו אונז דעם חלום אויף זיין אָטעם און אין יעדער אַנטפּלעק־טער וויזיע דערשיינט דער פּראָפיל פון דיכטער מיט ליבשאַפט געצונדענער.

זיין ליד איז ווי דער חלום ניט אויסגעזונגען. סע איז דאָס געזאַנג פון אָטעם. זינגט ער אַזוי וועגן ירושלים אין בוך לידער „מדבר־סיני" :

„דאָ אָטעמען די מויערן,
דאָ אָטעמען די טויטע.
ס'איז ניט קיין שטאָט —
אַ ריז אַן איינגעשלאָפענער
אַ יאָר, אַ דור, צי הונדערט,
איז אויפגעוועקט אַציננד
פון אָדלערס פּורפּורנע,
צערייצטע,
און הייבט די הענט ווי האַלבע רעגנבויגנס
אַרומצונעמען אין וואָר — זיין חלום.

כדי אַרומצונעמען זיין פילקאָליריקן חלום האָט ער אויסגעפּור־רעמט אַזאַ פּאָעטישן לייטער, וואָס זיין שפּיץ גרייכט צו איבערציי־טיקייט, אָבער זיין יסוד איז אין לעבעדיק ערדישער צייטיקייט. חלומט ער וועגן אַ ברית בין הבתרים; צונויפצואַמלען די צעבראָכנ־קייט און עס ווידער גאַנץ מאַכן. וואַנדערט ער איבער וועגן, שטעגן צעקרומטע און געפינצטערטע, אויפצושליסן אָטעמס און אַנטשטומען שטומקייט.

ער איז אַרויס אויף דער ברייטער וועלט פון אַ געפינצטערטער כאַלופּע, צו געפינען די אוצרותדיקע וויזיעס וואָס ער האָט דאָרט אויסגעשפּינט און איז באַגעגנט געוואָרן פון אַן 'עכאָ פון שאָטנס' און אַ דיסאַנאַנס פון געקרייציקטע קלאַנגען. מיט אַ צעסמאַליעטן שאַרבן פונעם רויך פון די שייטערס קאָן ער ניט לעבן שוה בשוה מיט דער ווירקלעכקייט, רופט ער דערפאַר צום נביא:

„דו זאַמל איין די רויכן אין דיין לײדיקייט און פּלי,
אַזוי ווי כ'לעב, די טויטע קינדער מיינע וועלן לעבן".

(מדבר־סיני, ז. 63)

ער וואַנדערט און וואָגלט צו זיין חרובן עבר, אָבער דאָך ליכטיקט זיין פּנים צום עתיד. אין זיין בוך „אין פייערוואָגן" איז פאַראַן אַ ליד וואָס איז מגלה די נשמה פון ירושלים. מע פילט דאָ בשמימדיקן אָטעם פון אייביקייט: —

„אויב זען ווילסטו איין מאָל די אייביקייט
פּנים אל פּנים,
און, אפשר, ניט שטאַרבן —
די אויגן באַהאַלט,
דריי אַראָפּ זיי
ווי קנויטן אין שאַרבן.
און דעמאָלט
אַן אין זיך געצונדענער,

גיי וואו עד היום
דיין וואַנדערשאַפט איז גיט מסוגל געווען זי צו טרעפן —
און גיב זיך אַן עפן
אַנטקעגן די פעלזענע שפּיגלען פון ירושלים". (ז. 89)

די אויגן באַהאַלט, דריי אַראָפּ זיי — ווי קנויטן אין שאַרבן — זאָג תּפילה אינדערשטיל... און גיב זיך אַן עפן צו אַ באַגייסטיקט געזאַנג, וואָס קאָמוניקירט אַ טיפע ליבשאַפט פאַר דער נשמהדיקייט פון לעבן, וואָס דער דיכטער אברהם סוצקעווער זינגט צו אונז מיט אַ געבענטשט האַרץ און וואַרעמען אָטעם.

◆

מעינקע קאַץ

דאָ רעדט זיך וועגן מעינקע קאַץ׳ס דריי פון זיינע אַכט ביכער לידער. אַ חוץ די אַכט ביכער לידער אין יידיש, האָט ער אויך ניט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער אין ענגליש: „די לענד אָף מאַנאַ״. די דריי ביכער וועגן וועלכע איך רייד דאָ, זיינען: „דער פשוטער חלום״, „אינמיטן טאָג״ און „דאָס וואָרט האָט מיין באָבע מאַינע״. איך הייב אָן מיטן לעצטן.

זאָגט די באָבע פון קבר אַרויס:

„פאַראַן אַ רויט מיין קינד,
— פון מיינע אייניקלעך, דאָס געשענדטע בלוט —
פון אַ רויט אַזאַ און פון דער נאַכט פון קברים,
שפינט דער רשע זיך אַ פאָן, —
איז די פאָן — אַ פאַרבלוטיקטע קנוט,
איז די פאָן — אַ פעטליע אין רשע׳ס האַנט.
מיט זיין פאָן, מיין טויטן האַלז נאָך ווערגט ער.
— — — — — — — — — — —

מיינע תכריכים, שוין אַזויפיל יאָרן רייסט ער
און מיט די ריסן פון הייליקן געוואַנט,
די זון פון מיין פאָלק אַלץ בלינדער פאַרהענגט ער.
אַ ליכטיקייט פון דעם בליאַסק פון גילאָטינעס ברענגט ער.
— — — — — — — — — — —

און ס׳לויכט די האַק
ניט נאָר איבער די מאַרטירער — אייניקלעך מיינע, —
ס׳לויכט די האַק
איבער די שוין לעצטע גלידער פון דיין טויטער באָבע מאַינע״. (ז. 27)
— — — — — — — — — — —

אין איין האַנט אַ תכריכימדיק רויטע פאָן און אין דער צווייטער אַ האַק. מיט אָט דער פאָן און האַק זיינען שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן שלמה מיכאָעלס, דוד בערגלסאָן, פּרץ מאַרקיש, דער נסתר און אומציייליקע אַנדערע קינסטלער און שרייבער פונעם יידיש שעפעריש וואָרט.

דער באָבעס קלוגע אויגן ליכטיקן דורך זיינע שורות. (ז. 20) אַזויפיל צניעות אין אירע רייד. איר חכמהדיקע דערקענטעניש איז, אַז דער אמתער יש איז אין באַנעמען סתירות. כאָטש זי פאַרמאָגט „אַ פינגערל זון — אַ רעדעלע אומעט", איז „ס'האַרץ ניט אָרעם, ס'האַרץ ניט גרוי":

„זע, אויף די לאָטעדיקע שויבן,
אַזאַ צויבערדיקע נאַכט איז אַרויס —
אַ נאַכט מיט פייגל, מיט ווינט, מיט פלאַטערדיקן וואונדער.
מיט ליכט געגנוג, אין ערשטער שעה צו טאָגן". (ז. 20)
— — — — — — — — — — —

און די שטערן זיינען אירע געסט און באַדויערט וואָס זי פאַר־מאָגט אַזוי וויניק פענצטערלעך צו די שטערן אַרויס. זי זאָגט:

„דער פרילינגדיקער וואַלד ווערט גרין פון פיין;
ווײ! ווײ!
דער העקער זאָגט איך בין שיין!" (ז. 21)
— — — — — — — — — — —

דורך שמאָלסטע שפּאַרונעס שפּאַרן דורך אירע חכמהדיקע אויגן צו געפינען אַ ניצוץ פון שלימות. — אירע ווערטער ווערן אויפ־געלויכטן מיט פרקי אבות'דיקן נוסח און מורה דרך אויף ליפן. זי זאָגט: „ווי צום שטאַמלער וואָס וויל ווי דער דונער שרייען". (ז. 23) דער דיכטער ציט איין זיין קול אין כבוד פאַר דער באָבען און דורך זיינע ליפן שנירלען זיך אירע שורות וואָס זיינען „ווי דער

פרילינגדיקער וואַלד פול מיט פלאַטערדיקן וואונדער אָבער אויך גרין פון פּיין". דעם דיכטערס פּנים לויכט מיט איר ליכט.

מיר האָבן דאָ אַ דריי־איניקייט, די באָבע, דער דיכטער און דאָס וואָרט. דורכן נס פון וואָרט ווערן אַלע דריי געזאַלבט אין פּאָעטישן קדשים. אין בראשיתדיקער שטילקייט הערט זיך איר קול:

„איך בין די באָבע — מיכאַלישעק
פון מיין מאַמעס ברוסט האָב איך געזויגן.
פון „ברענענדיק שטעטל" * — די צעצונדענע שרעק.
איך בין די באָבע — דלות, איבער תחינה געבויגן". (ז. 17)

— — — — — — — — — — — —

דאָס איז ניט דווקא מעינקעס באָבע. סע איז דאָס געוויסן וואָס וואַכט איבער דער גורלדיקייט און פאַרשוועכטער חשיבות פון איר פאָלק. דאַכט זיך ווי זי וואָלט זאָגן, אַז די יידיש רויטע פאָן איז די רויטסטע; אַז ווייס־בלוי איז אויסגעוואַשן פונעם רויט וואָס האָט געטריפט פון „הירשע לייב טאַרשיש הענגענדיק אין אַ פּעטליע פון תּפילין". (ז. 17) דאָס מיינט, „סע איז פאַראַן אַ רויט מיין קינד". סע איז פאַראַן אַ רויט וואָס שרייט מיט „אַזויפיל דונער אין גבורה־דיקער שטומקייט". (ז. 23) מעינקע האָט אין יאָר 1939 מגלה געווען, אַז רויטע פאָן —

„איז אַ רויט לעבעדיק, ווי רבי עקיבאַ'ס טויט
אַ רויט וואָס לויכט ווי בליץ אַדורך דאָס בלוט
און לאָזט דאָס האַרץ אין צויבערדיקן גאַנג". (ז. 28)

סע איז אָבער אויך פאַראַן אַ רויט מיין קינד, וואָס איז אַ פאַר־בלוטיקטער קנוט. (ז. 27)

אַ וועלט צעפאַלט זיך, אָבער פון דער צעפאַלונג ווערט ניט גאָרניט; דער דיכטער קלאַמערט זיך אין דעם עלעמענטאַרסטן יש,

---

*) דאָס איז דער נאָמען פון איינע פון זיינע ערשטע ביכער.

ווייל זיין האַרץ צאַפּלט מיט פרייד פאַר לעבן. כאָטש ער לעבט אין אַ קלימאַט פון האַס געפינט ער „אַ לעצטע שיין וואָס איז לויטער״. אין יאָר 1947 דערשיינט זיין בוך לידער „דער פשוטער חלום״. די שטאָט צעפּראַלט אירע קאַלט ליכטיקע לאַבירינטן, אָבער די ליכטיקייט פאַרלאָזט אים אין איינזאַמקייט. שטיינערנע מויערן פאַרשטיינען און פאַרמויערן. ער בלאָנקעט איבער ניו־יאָרק פון ראָג צו ראָג וואָס צעבליצט איבער אירע גאַסן דעם גרויס־שטאָטישן דזשאַז. כאָטש סע באַפאַלט אים אַ פחד פאַרן גרויסשטאָטישן וואַקום, דופט ער אויס אַ קללה דער איינזאַמקייט:

„פאַרשאָלטן זיי, אַ איינזאַמקייט,
סיי אין גרויען צימערל,
סיי אויף ברייטע וואַגאַבונדישע וועגן.
איך האָב דיך אַ איינזאַמקייט,
די פאַרבענקסטע יאָרן מיינע —
אַנגעטרויט.

— — — — — — — — — —

איך האָב געזוכט אַ שפור פון מיין חלום,
דורך די ציגישע פייערן פון דער נאַכטיקער שטאָט,
איז אַ פאַרדעכטיקער חושך געקומען מיר אַנטקעגן.
איך האָב געזוכט דעם זין פון פרייד, אין אומרו פון וואַנדער
און באַגעגנט בלאָנדזשענדיק, אַן אויסגעלאַכטן — גאָט״. (ז. 49)

— — — — — — — — — — — —

סע ווערט אומהיימלעך ווען מע באַגעגנט אין וואַנדער אַן אויס־געלאַכטן גאָט. צוריק פון דעם אַבסטראַקטן וואַנדער, קערט דער דיכטער זיך אום צו זיין מאַמען און דערהייבט איר צום באַגריף פון קאָנקרעט יחידישער הייליקייט. דער דיכטער צעצינדט זיינע ווערטער צו דער מאַמען מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים:

„מאַמע,
אַזאַ קוואַליקע פרייד פליִצט פון אוראַלטן שורש,
און רירט מיין שיין ליד צו דיר אַזש ביז צו געוויין,
דאָס וואָרט דאָס איינציקע, האָב איך אין דיין גליק און אין
דיין טרער געפונען.
דאָס וואָרט, דאָס פרילינגדיקסטע זינגט דורך דיין געביין.
צום וואָרט צום איינציקן:
מאַמע —
פאַל איך אַ פאַרשמאַכטער צו,
מיט דער מדבר־דורשט פון לעכצנדיקער צונג צו אַ קילן ברונעם.
דאָס וואָרט איז דער פלאַם וואָס וועט דעם בלינדסטן חושך
פאַרברענען —"

— — — — — — — — — — —

מעינקע קאָן האָט דאָ באַוויזן, אַז ער איז סותר די אידעאָלאָגיע וואָס אַבסטראַהירט דעם יחיד אין כלל קאַטעגאָריעס. אין זעלבן בוך איז פאַראַן אַ ליד „היילִיק, הייליק איז יעדנס לעבן". (ז. 135) דאָס איז ניט קיין אַבסטראַקטע אידייע; דאָס איז אַ מאַקסים וואָס דערלאָזט ניט קיין אידעאָלאָגישן פשט. דער יחיד קאָן ניט אויפ־געלייזט ווערן אין אַ קלאַס קאַטעגאָריע און אינדערזעלבער צייט אויפגיין ווי אַ יחידישע זעלבסטשטענדיקייט. פאַרקערט, דער כלל קאָן אויפגיין, ווען די יחידישע אינטעגריטעט ווערט באמת אָפּגעהיט. — וויפל ווערטער שטומען אויף פאַרגליווערטע ליפּן? — ווערטער וואָס בלייבן פאַרשטעקט אין האַלז! — און פאַרוואָס פלאַצט ניט דער שד לאַכנדיק פון יעדן גלויביקן דור? — דאָס און ענלעכע פראַגעס זיינען מן־הסתם געקומען מעינקען אויפן רעיון ווען ער האָט באַגעגנט אין זיין וואַנדער אַן אויסגעלאַכטן גאָט. — מאַמע איז גובר אַלע אַבסטראַקטע אידעאָלאָגיעס און פאַרהייליקטע איקאָנעס. מאַמע זאָגט יאָ צו יחידיש לעבן. פאַר איר איז לעבן ניט קיין מיטל פאַר אַ ציל. מאַמע איז מקדים יחידיש לעבעדיקע ווערטן מיט איבּיקער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט. אויף דעם זאָגט דער דיכטער:

„ברידער, רייסט דעם חלף פון שעכטער אויס —
דאָס געבונדענע שעפּעלע בענקט אין פעלד.
זאָל פרייען זיך אַ פעלד אויפן אָרט פון שלאַכטהויז,
דער חלף וואָס שעכט די שאָף, שעכט אויך די וועלט".

(אַ תפילה, ז. 137)

ער איז ניט נאָר אַליין ווייט פון רעשדיק ניט דערלעבטן לעבן, ער איז אפילו ווייט פון זיך גופא. ער איז אַזוי ווייט פון זיך, אַז זיין וואָרט איז ווי דין געצייכנטע נקודות און צייטנווייז לייכט ווי דער אָטעם־הויך אויף פאַרקילטער שויב. דער זונאויפגאַנג איז אינעם זונפאַרגיי, ווייל אַלע טעג זיינען פאַר׳המשכ׳ט אין בראשית. די נאַכט איז תיקון נפש אין דערוואַרטונג פון זונאויפגיי. אָבער „דער האָס — זאָגט דער דיכטער — האָט דעם זונאויפגיי נאָך פאַרן אויפגיי דערוואָרגן". מיט זיין קינדישן בראשית איז דורכגעלויכטן זיין היינט, ווייל „אַזויפיל ערשטע זאַנגען אין די קערנער פון אַ לעצטן גאַרב (ז. 68) זיין ליבשאַפט פאַר האַרמאָניע קערט אָפּ זיין פנים פון דער שטאָטישער טורעמדיקער לאַסט און שטיינערנעם הפקר. אין טיפער צעשטערנטער בלויקייט מיט פרימאָרגן אין די אויגן ווערט ער פאַרטראָגן אין פאַרויסקייט מיט קינדישן בענקטן אויף דיכטערישע הענט.

ער אַנטפלעקט זיך אין וואַלדיקן בין השמשות, ווייל סע איז באַזוימט מיט שטילקייט און שעפערישער רו. דאָרט איז פאַראַן דערוואַרטונג און טיף אָטעמדיקער פאַרמעסט. סע איז אָבער אַ קורצער שפּאַן צווישן רו און אומרו; צווישן שעפערישקייט און צעשטערערישער מרידה. אָט אַזוי קומט ביי אים דער איבערגאַנג פון רו צו אומרו אין זיין „אַ נאַכט אין איינזאַמן וואַלד":

ש־ט־י־ל.
אָט בויגט דער בוים אין אַ בלעטערדיקער תפילה:
„אוי, ווער האָט מיך פאַרמשפּט צו שטיין דאָ דורות לאַנג?

פאַרשילט מיך, גאָט —
איך זאָל כאָטש, ווי די שלאַנג פויזען.
בענטש מיך, גאָט,
איך זאָל מיט די צווייגן, ווי אויף פליגל לויפן:
איבער בערג, איבער שטעט, איבער ים׳ען פונעם וואַלד
אַנטלויפן —
צו דער עכטער ליבשאַפט פון אַן איינציקן מענטשן״,
נאָר גאָט ענטפערט ניט אין אַזאַ לאַנגער, טרויעריקער נאַכט. (ז. 52)

חלום און וואָר זיינען פאַרן דיכטער פאַזן פון איין און דעמזעלבן לעבן־תמצית. „כ׳האָב ליב די וואָר פון יעדן חלום, דעם חלום פון יעדער וואָר״. (ז. 67) ער קרייזט אַריבער די וואָר און איז זיך מגלה אין חלום. עס ציטערט זיין ערשטקייט פלאַטער און באַזונט זיינע גרויע געוואָרענע נעכט. מיט קנאַספּישע ריחות פאַרבשמימט ער זיך רייף אויסגעוואַקסענע צייטיקייט. זיינע נקודותדיקע פּאָעטישע פאַרצייכענונגען זיינען מרמז אויף אַ שלל וואָס איז נאָך פאַרבאָרגן אין זיין פּאָעטישן חדר מיוחד. דורך דער אויסגעוואַקסענער צייטיקייט לייכט אָבער מיט קלאָרקייט זיין בראשיתדיקער טוי. דערפאַר איז פאַראַן ביי אים אַזאַ ליידנשאַפטלעכקייט צום שטעטל, צו זיין באַבען און צו זיין מאַמען. דער לעצטער גאָרב בייגט מיט חשיבות זיין באַגילדעטן קאָפּ צום זונפאַרגיי.

אין זיין וואָריקער אַליינקייט חלומט ער אויס זיין ביט־אַליינקייט. זיינע פערזן זיינען ווי צעצונדענע ליכט אַרום זיין אויסגעחלומט לעבן. זיין ליד איז פליסטערדיק און רוישט ווי די שפּריצן פון אַ פאָנטאַן וואָס איז פאַרטאָן אין אינזיכיק שקיעתדיקער תפילה. דער פּאָעט איז אָנגעגליט מיט אַ ביט־דאָאיקער פרייד, ווען ער ברענגט אויף די ליפּן דעם נאָמען פון זיין שטעטל „מיכאַלישעק״:

„מיכאַלישעק — שטעטעלע מיינס פון דער אָרעמער ליטע,
וואו יעדער ווינט פלגט לעגענדעס פון מדרש דערציילן;

וואו יעדעס יינגל — פון אַ מעשהלע אַ ריטער,
פלעגט פירן זיין בת־מלכה דורך פאַרכשופטע היילן.

מיכאַלישעק, דורך דיינע נעכט האָב איך געזען,
ווי עס טייטשן גמרא אַפילו פאַרקלערטע שטערן.
אָ, איך בין דיין הונגעריקסטער מתמיד געווען,
דערפאַר פלעג איך אין חלום מלאכים—־שירה הערן.

מיכאַלישעק — שטעטעלע מיינס פון דער אָרעמער ליטע,
אויף מיין יעדן גליד שמאַרצן דיינע וואונדן.
דורך מיר גייט אויס דיין האַרץ, צעמעסערט פונעם פיינט.
דורך מיר לויערט גאָר דיין יאָמער, גאָר דיין אומקום״. (ז. 37)

אַזוי איז אויך זיין ליד „אַ געזאַנג צו כייקען״. (ז. 35) סע איז אַ געזאַנג וואָס זינגט זיך ניט, נאָר מורמלט. אַ געזאַנג וואָס דערגרייכט דעם חוש השמיעה, נאָר ניט נאָכצוזינגען. סע איז אַ שירה וואָס לייכט צווישן ווערטער אין דער שורה; וואָס פלאַטערט אויפן פנים פונעם ליד. אין אָט דעם פלאַטער דערשיינט דער אייגנאַרט פונעם פאָעט. אָן פניותדיקע מאָטיוון באַוואונדערן מיר דערפאַר דעם פנימיותדיקן תמצית פון זיין ליד. אָט דער תמצית מאַניעט און איז דער קול קורא ווען מיר וואַנדערן אין קדשי קדשים פון קינסטלעריש שאַפן בכלל.

מעינקע קאַץ האָט אין דער גרופּע לידער „אַ שעה דורך מיין פענצטער״ די וועלטישע מכה פון האַס אַזוי צאַרט דיכטעריש באַנומען, מיט אַזויפיל פּאָעטישע זון באַליכטיקט, אַז סע איז געוואָרן „אַ זון מיט שניי״:

„אַ שניי מיט אַ זון און אַ זון מיט שניי.
זון און שניי האַלזן זיך ביז צום טויט פאַרליבטע.
דער האַס וועט פאַרגיין, יאָ אויף אייביק פאַרגיין.
דער שניי ווי אַ זיפּ האָט דאָס בייז אויסגעזיפּט.

דער שניי איז אינגאַנצן — ציכטיקע ליבשאַפט.
דעם שניי איז נאָר קושן, קושן באַשערט.

אָ, קוש שניי, די וועלט איז קראַנק, דיין קוש גיט קראַפט.
אָ, קוש שניי פון ברעג ביז ברעג די גאַנצע ערד.

ווי דאָס ליכט פון מאָרגן פאַלט איצט דער שניי.
אָ, שנייעלעך, פייגעלעך און קינדער:
איר האָט מיינע טעג אין קלאָרן צוויט צעזייט.
מיינע נעכט — מעשהלעך אַ פולער טינטער.

נאָך אַ שניי מיט אַ זון, נאָך אַ זון מיט שניי —
דער האַס וועט פאַרגיין, יאָ אויף אייביק פאַרגיין". (ז. 137)

זיין ליד פלאַטערט אין שטילער פרייד פאַר לעבן; אַנטפּלעקט און בענטשט די הייליקייט אין זיך גופא. מיר הערן דאָס ריינע קול פון קינד. דאָס איז דער מיין פון דער שורה: „אַזויפיל ערשטע זאַנגען אין די קערנער פון לעצן גאַרב". אויך אין זיין אזהרה פון דער קו צום קעלבל הערט מען די פונדאַמענטאַלע רייד פון קינדישקייט, וואָס איז ניט דווקא פאַר די קליינע קינדערסוועגן:

„און ס'האָט די מאַמע־קו דאָס קעלבעלע געלערנט,
ווי צו לעבן וואויל און פיין אויף דער וועלט:
ניט אַלעמאָל, מיין קינד, איז די נאַכט אויסגעשטערנט,
ניט שטענדיק קעלבעלע איז גרין דאָס פעלד.

לויכטן זאָל דיין יעדער וועג מיט מילך און פוטער;
מיט זיסן מילך און פעטן שמאַנט.
דו הערסט, זאָלסט מיר זיין אַ קיעלע, אַ גוטע,
און אַלץ דעם מענטשן שענקען מיט פולער האַנט".

אָבער דאָס קעלבל איז פון מענטש אָפּגענאַרט געוואָרן:

„ערשט ביים מעסער האָט דאָס שייגע קעלבעלע זיך צעקלאָגט:
ווי, מאַמע־קו האָסט אומזיסט מיך געבענטשט". (ז. 143)

איבערן היכל פון גרינע פעלדער הענגט „אינמיטן טאָג״ ווי אַ רעגנבויגן, אַ פאַרבלוטיקט מעסער אין האַנט פון שוחט. מיט רעליגיעזן ברען רופט אויס דער דיכטער: ׳לא תרצח!׳

„אָ, אויב צום געבעט פון שעפּעלע, קען שוחט בלייבט טויב ווי
שטיין דער מענטש,
וועט קיינמאָל קיין שלום דעם מענטש ניט בענטשן, וועט
שטענדיק מענטש קוילען מענטש״. (ז. 92 „אינמיטן טאָג״)

ווען דער שוחט פירט דורך שחיטה מיט אויגן פאַרגלייצטער ברכה, איז ער, קען זיין ניט־באַוואוסטזיניקער מאָרד־כוונה, מקדש מאָרד.

דער פּאָעט איז באַהערשט מיט מאַמעשע אַטריבוטן; ער צערטלט און היט אָפּ לעבן. דער פּאָעטישער יאָ צו לעבן איז גובר דעם ניין פון פאַרגיין.

פון זיינע לידער קוקן אַרויס צווי פאַרוואונדערטע קינדישע אויגן. אינדערמיט פון זיינע לידער איז פאַראַן בראשיתדיקייט. ער חלומט מיט בראשית ביי זיין צוקאָפּנס. ער זאָגט:

„אַן ערשט צעעפנטער קנאָספּ איז יעדע רגע פון טאָג״. (ז. 27)

מיט דעם קינד־וואונדער אין די אויגן איז ער מתפלל איבער זיין שטעטל „מיכאַלישעק״ אינעם בוך „אינמיטן טאָג״:

„גוט איז מיר אַזוי מיכאלישעק
וואָס דיין באַגינען הערט קיינמאָל ניט אויף לעם מיר צו בלויען,
גוט איז כאָטש אין ליד זיין, לעם דיר, אַן איינציקע שעה.
גוט איז מיר אַזוי,
איבער ניט געפּוצטע שורות, ווי איבער דיינע קרומע געסלעך
שפּאַנען.
איך רייס זיך צו דיר פון חושך, ווי אַ בלינדער צו ליכט,
איך רוף דיך ביז דער דינסטער צאַרטקייט אין מיר:
מי־כאַ־לי־שעק!
ביסט פאַראַן אין מיר אינגאַנצן, ווי אין אַ בלאַט דער גאַנצער וואַלד״.
(ז. 73)

ער בענקט נאָך זיין באַגינען ביז ווייטיק; ווי ער וואָלט געפּילט, אויב ער וועט חלילה פאַרלירן זיין פאַרטאָג, פאַרלירט ער אויך זיין טאָג. די קאָנצענטרירטע ליריש פּאָעטישע הייך דערגרייכט מעינקע קאַץ אינעם בוך „אינמיטן טאָג״ אין אָפּטייל אַכט „פון פּאַנאַר ביז אַ נייעם אַז ישיר״. (זייטן 72־80) ער זינגט מיט אויסערגעוויינלעך צאַרטער איבערלעבעניש. ער דערגרייכט דאָ ניט נאָר זיך אַליין. דער נאָמען מיכאַלישעק ווערט אַ צייכן, פון נעכטנס, פאַרטאָגן און באַגינענס פון וואָס מע קאָן ניט און מע דאַרף זיך ניט צעשיידן.

ווי סע קאָן ניט וואַקסן אַ בוים אָן זיין פאַרוואָרצלטן שטאַם, אַזוי מוז דער קינסטלער זיך אומקערן צום שטאַם און אָפּהיטן אין זיך דעם דמות הילד, אין וועלכן סע איז פאַרבאָרגן דער איכות פון דער זיך אַנטוויקלענדיקער פּערזענלעכקייט.

מעינקע קאַץ פאַרוואַנדלט פּשוטע רייד אין אינטים צאַרטע מוזיק. אין דער פּשטות פּירט ער צונויף ערנסטע מחשבה מיט פּאָלקטימליכער פאַרטראַכטקייט.

אין זיין פּרואוו צו פאַרוואַנדלען עמאָציע אין אויסדרוק באַקומען זיך רעיונותדיקע שטימונגען. ער דערלויבט זיך ניט אָנצוואוואָרעמען זיך אינעם גלי פון זיין וואָרט. — זיינע פּאָעטישע אויסדרוקן זיינען ווי פּייערפליגן אין אַ הייסער זומערנאַכט.

צעשטערטע שטילקייט

(וועגן פעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ׳ס לידער)

אין האַלב־שפּראַך און סודותדיקער שטילקייט זינגט פעסי הערש־פעלד־פּאָמעראַנץ איר ליד. איר וואָרט, — אַ פלעמל אין שאָטנדיקער איינזאַמקייט. ס׳פורעמט אַ ניגון זיך אין בויג און ציטער, מיט אַ פרומען באַגער אַריבערצוואַקסן יחידישע מחיצות אין באַהעפט מיט דער וועלט. איר פּאָעטיש געווין, שטייגט צו פאַרשפּיצטקייט. פון אירע רואיק מילדע אויגן שפּאַרט אַ פּנימיותדיק וויברירנדיקער אומרו וואָס שפּרייט אַ שאָטן איבער איר פּנים אין שווייגנדיקן אומעט. אין אָט דער עצבות זייגען מיר זיך מתדבק מיט אַן אויפקוואַל פון עלעגישע אַקאָרדן:

„ווי רויטער אויפגעשוימטער ווייַן,
צעשוימען אַלע מייַנע גלידער
מיט זיסן פּיין!" („דערוואַרטונג")

קיינער קאָן ניט פּרעזענטירן אַזוי גוט דעם מהות פון דעם דיכטערס פּאָעזיע, ווי דער דיכטער גופא. ספּעציעל איז דאָס אמת פאַר דער דיכטערין, וועמעס ליד איז איינגעהילט אין אַזויפיל שווייגן; אַז „אַזויפיל בלויע נעכט דאָ וואַרגן זיך מיט שטילקייט". איר בענקשאַפט „ווײַנט אַראָפּ פון די נאַקעטע ריטער" פון די ביימער. אין רעליגיעזער התבודדות שפּאַנט זי מיט שטילע טריט און פאַר־שיכורט זיך מיט „פולע לאַגלען נאַכט", און מיט פאַרחלומטע מתיקות זוכט זי אַ מאָראַליש עטישן תיקון. זי זינגט ניט ווי דער פויגל אין וואַלד, איר שירה באַצוועקט אַ שליחות פאַר מענטש און איר פאָלק. פאַר׳גדר׳ט פון שנאהדיקע מחיצות און אין אַ שטילקייט וואָס וואַרגט מיט פאַרביינטן אומרו הערט זיך איר ליד אין בייז ווינטיקן גע־פלאָטער:

„ליג איך וואַך, איבערגעפילט מיט צער
אין אַ נאַכט פון בלוטיקן גזר;
אַלץ בליט מיט בלוט —
דאָס גראָז, דער בוים און די נאַכט".
(„פיין פון פאַרשמיסענעברידער")

וויביימער, אין אָנבליק פון בליץ, „מיט דינע העלדזער צום בליציקן שווערד", צייכנט זי איר אייגן שטומען שרעק־געמיט אין אַ סופלאָז געוויין:

„אין אַזאַ טאָג פון לעצטן בלי,
שטייגט אויף אין מיר אַ דין געוויין,
אַז ווי אַ בלאַט אין לעצטן פלי
וועל איך אַ פלי טאָן און פאַרגיין". („אין לעצטן בלי")

און דער אויבערטאָן פון נאַציאָנאַלן־אומקום איז אַריינגעוועבט אין אַזאַ פרעכטיק געמעל ווי „צוויי נאָנעס". אַ שאָטן באַוועגט זיך און פאַרכמאַרעט עסטעטישע שלימות:

„אַן אַלטער גרויער קלויסטער
אויף שטיינערנע גרויע טרעפּ,
צוויי נאָנעס, צוויי שוואַרצע פייגל
אין פאַלדן פון שוואַרצן קרעפּ".

„צוויי נאָנעס, צוויי שוואַרצע פייגל", — סינאָנימען פון שרעק און פאַרלענד פון יידיש לעבן. אָבער דער נעגאַטיווער פאַרגלייך האָט דעם שורש אין דער דיכטערינס יידיש־היסטאָרישן זיכרון. אין די „צוויי נאָנעס" האָט זי אָבער אַריינגעצייכנט סימנים פון איר אייגענעם שווייגנדיקן אומעט. אַזעלכע ראַנד־אַקאָרדן פון צעשטערטער רו און פאַרשאָטנט ליכט זיינען דאָמינירנדיק אין איר ליד. אַפילו פשוטע פייגל נעמען אָן די פאָרם פון צלם:

„אין ליכטיקער בלויקייט פון טאָג,
שוואַרצע צלמלעך
פייגל אַ טשאַטע" — („מיט גאָלדענע טריט איבער ערד")

אין „רויט גליט די ערד", איז דער צלם־סימבאָל אַן עמאָציאָ־נעלע רעאַקציע קעגן אַ בייז פאַרגוויישטן הימל:

„איבער שטאָט און דאָרף
קרייזן שטאָלענע פייגל —
שוואַרצע צלמים".

קוקט זי אויפן הימל און זעט שוואַרצע צלמים, ווי פליענדיקע קברים פאַר מענטשן אויף דער ערד. אין איר גליענדיק געמיט ווערט האַרמאָנישע נאַטור־בילדלעכקייט צעקרומט און צעחוזקט („אויפגע־פלאַמטער שייטער"). אין דעם ליד „אַ נאַכט אַזאַ" האָט זי אַריינ־געזונגען דעם אַלטן קין־הבל מאָטיוו. דער קאָלאָריט און די טעמע דערמאָנט אַן פּרצס „צוויי ברידער". שטייט זי ביי איר נאַכטיקער שויב און מיר זעען ווי איר פנים ווערט פאַרשאָטנט פון צער:

„יונג לבנה — זילבערנע גאָנדאָלע,
ווינט צעשטויבערט אויף פריסיק הויפנס שניי.
נאַכט אַזאַ, וואָס גליט מיט הייסע וואונדן —
בייסט זיך איין אין פנימער פון צוויי".

ווי אַ יידישע באַרמהאַרציקע שוועסטער טוט זי תפילה פאַר דער גאַנצער קראַנקער וועלט. טראָגט זיך די תפילה אין אַזאַ שטיל געוויין וואָס בלייבט הענגען פאַרפרוירן אויף דינע פעדים ערגעץ־וואו. זאָגט זי אין האַרץ־קלעם צום ווייסן שטיין: „דיין ווייסקייט באַרואיקט מיין בלוטיק געוויין".

אָבער מיטאַמאָל פראַלט זי אויף איר טיר פון איינזאַמקייט און מיט קאַמף־ברען טוט זי אָן אויף זיך אַ גרויסן פויק און מיט שווערן

טראַט מאַרשירט זי צוזאַמען מיט אַלע קעגן דעם בלוטיקן שוידער פון דער טיפסטער וועלט־טראַגעדיע:

„פינצטערניש האָט איר גריווע צעלאָזט,
בריקעוועט ווילד אַנטקעגן גאָט,
קלינגט דער גלאָק פון וועלט־יאַריד
האַק און קרייץ און האַס צום ייד.
פינצטערע כמאַרעס, קנויל די נאַכט
און גאָט דער איינציקער זעט און לאַכט...״

עס איז דאָס געלעכטער פון ליכט קעגן פינצטערניש; דאָס געלעכטער קעגן דער טראַגי־קאָמישער זעלבסט פאַרבלענדעניש פון אַבסטראַקטע „איזמען״, מיט אַבסאָלוט פערפעקטע און אַנטגילטיקע „גאולות״... דאָס געטלעכע געלעכטער פון יחידישער און נאַציאָנאַ־לער זעלבסט־באַהויפּטונג; פון פאָרם קעגן פאַרמלאָזיקייט; פון ליכט און ליבע ווי דער אייביקער תמצית פון לעבן.

אין דער דיכטערינס פלאַטער־טאַנץ בענקט זי נאָך פריידיקע מאָמענטן וואָס זיינען ביי איר אַזוי זעלטן; זי פאַרשווינדן מיט דער פּלוצימדיקייט ווי זיי דערשיינען. אַפילו אין די לידער וואו עס בליצט אויף אַ מחיהדיקע שפּילעוודיקייט („אויף זאַמדיקער בעט״) ווערט איר אויפגעשטראַלטע פרייד מיטאַמאָל פאַרוואָלקנט. קאָן זי ניט טאַנצן בציבור, טאַנצט דערפאַר די נשמה אין איר „ווי דער ווייסער זעגל אין ווינט״. מיט דעם נשמהדיקן טאַנץ אויף זוניקע וועגן צעזינגט זי זיך אין „גרוסן פון דאָרף״. הערט זיך אַ זילבער־קלאָרע שטים וואָס צעטראָגט זיך אין דערברייט מיט פרייען טיפן אָטעם. — „מיין קינד — אַ גאָלדענער אָרעאָל לייכט צו מיר אַנטקעגן״. מיט אויגן פול פרייד שפּרייט זי אירע מאַמעשע אָרעמס צו איר קינד און צו „ערד פולברוסטיקע״. צעשטראַלט זיך איר סאַמעט ווייכער טאָן אַן אַנטבונדענער. ווי אַ פאַנאַנדערגעעפנטער קאָנסף טרינקט זי זיך אָן מיט עמערס ליכט און עפּעס דערלאַנגט איר אַ טראָג אין דינאַמישן באַוועג. אָבער דאָסזעלבע ליד וואָס איז דערהויבן צו אַזאַ

עקסטאַז קאָן זי ווייזט אויס ניט פאַרענדיקן אָן איר כאַראַקטעריס־טישער מינאָר־נאָטע: „אַזויפיל בלויע נעכט דאָ וואַרגן זיך מיט שטילקייט".

אויף דעם פרשת הדרכים פון מער שאָטן איידער ליכט, טראָגט זיך איר שטיל אויסגעבענקטער ניגון וואָס זוכט אַן עטישן תיקון.

„לידער מיינע לידער
זעגלען מיינע ווייסע
— — — — — — —
איבער אייערע העלדזער —
ווינט חלפים פייפן,
איבער אייער ווייסקייט —
רויטע טראָפּנס טריפן,
שניידט די שוואַרצע טיפן,
מיינע זעגל שיפן!"

פון דעם אויסקריסטאַליזירטן רייפן צער, דורכגעאָדערט און הייס דורכגעאָטעמט מיט איר נשמת־חי, גייט אויף פעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנצס פּערלדיק אידעלע עלעגישע שירה צו לעבן, וואָס טריפט ווי קרישטאָלענע טראָפּנס אויף אַ צעוואונדיקטער וועלט.

◆

„רגעס פון גענאָד" אין שטילן אָטעם

(וועגן פעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנצעס נײַ בוך לידער)

אינעם עכטן ליד ווערט אַריינגעהאַפּטן דאָס געשטאַלט פונעם דיכטער. מיר זוכן דערפאַר די עכטקייט פון דער פּאָעטישער רעפּרע־זענטאַציע אין שייכות צום פּאָעט גופא. גראַד די עכטקייט באַשטימט אויך במילא דעם איכות און די קינסטלערישע מדרגה. די קינסטלע־רישע יצירה דאַרף דערפאַר אָפּגעשאַצט ווערן אין פאַרבינד מיטן ניגון וואָס איז אייגן דעם קינסטלערס געשטאַלט. ספּעציעל איז דאָס חל אין שייכות מיטן לירישן ליד; ווייל דאָס לירישע ליד, מער ווי וועלכער אַנדערער פּאָעטישער אויסדרוק, קומט פון די חדרי־חדרים פון דעם קינסטלערס פערזענלעכקייט. מיר דערגרייכן טאַקע דאַן דעם מאָמענט פון נחת־רוח, ווען מיר זיינען זוכה זיך מתיחד צו זיין מיטן פּאָעט. וואָס געטרייער סע איז די קעגנזייטיקע השפעה צווישן קינסטלער און זיין יצירה אַלץ נענטער דערפילן מיר זיך אינעם אינטימען קרייז פונעם קינסטלער. אָט־די אינטימקייט דרינגט אַרויס פון פעסי הערשפעלדס ליד.

דעם באַטייט פון איר שירה דערפילט מען אינעם שטילן אָטעם וואָס ווייעט איבער איר ליד. איר ליד איז ניט אַזוי דער אויסדרוק פון שטילקייט, ווי דער רעש וואָס מע הערט הינטער דער ריטמישער שטילקייט. איר ליד איז אַ מין רעש־אַפּלייטער וואָס היט אָפּ דעם דינעם ציטער וואָס כוואַליעט־אויף פון איר ניגון. ציט זי אײַן איר אָטעם און „גלעט אַ טראָפּעלע גענאָד" אין איר שרעק „פאַר דעם גרויל פון דער וועלט". פון דער נאַרעשער וועלט, וואָס רייסט שטיקער פון זיך אויף צו להכעיס זיך אַליין, קערט זי זיך צום וואַלד, און זי זאָגט מיט קינאה: „ווי גוט דיר איז, דו וואַלדיקע משפחה" (ז. 139). דער וואַלד איז איר דאָמינירנדיקער מאָטיוו. אין וואַל־

דישער שטילקייט טרעט זי אויס די סטעזשקע פון איר אַליינקייט און דאָרט תפילה'ט זי אויס דער וועלטס געוויין. דאָרט זוכט זי אויס פאַר זיך אַ ווינקעלע אָפּצורײדן זיך פאַר גאָט, דעם איינזאַמסטן פון אַלע איינזאַמע. זי אַ שטויבעלע אין גרויסער איינזאַמקייט מיט אים. אין גורלדיקער פאַרצווייפלונג און אין אויפגעראַמטן אומרו, זאָגט זי:

„קורץ איז מיין וועג
אויף דיין ערד;
און איך —
בלויז אַ השכון ביי דיר.
אין שעהן
פון רולאָזע נעכט
לאָז מיך נישט
צווייפלען אין דיר.

קורץ איז מיין וועג
אויף דיין ערד;
און איך —
בלויז אַ שטויבל אויף איר.
אין שעהן
פון מענטשלעכן צער,
לאָז מיך נישט
צווייפלען אין דיר". (ז. 17)

אַט־די צווישן מנחה־ומעריב שטימונג הערשט איבער אירע מערסטע לידער מיט אַ נאָכקלאַנג פון גרויסן טאָג־רעש. מיט פאַר־קלעמטער בענקשאַפט איז זי מתפלל און פון דער האַלבט־טונקלקייט אַרויס הערט זי „אַן עכאָ פונעם וואַלד: — נאָר וואָס זאָל טאָן אַ מענטש, וואָס איז אַ איד?" (ז. 140)

איינגעהילט אין דעם שאָטן פון צער זאָגט זי מיט תחנונים:

„פיר מיך אַרויס פון דעם טונקעלן וואַלד
פון קאָשמאַרן און צער,
העלף מיר מיט קפיצת הדרך אַרויס
פון פאַרשאָטנטן וועג.

פיר מיך אַרויס פון די שרעקן
די כמאַרנע און גרויע פון לעבן,
און טו מיך אויפסניי מיט דיין
שטראַליקע גוטסקייט פאַרוועבן". (ז. 20)

און וואָס איז דער צער וואָס פאַרשאַפט איר קאַשמאַרן? — זיינען עס די וואונדן וואָס זי ציילט ווי מען ציילט די שטערן? — אָדער איז עס דער אומרו מיט וואָס סע איז דער הימל געשוואָלן? — — אין דער וועלטישער קאַלטקייט זוכט זי די השגחה וואָס לייכט מיט לויטערער גוטסקייט און טרייסט. פאַרנויגט זי זיך צניעותדיק אין תפילה צו זון און ערד פאַר רו און רגעס פון גענאָד. עס ציט איר צום ליכט, וואָס אויף יענער זייט פונעם נאַכטיקן הימל, צום גרויסן אָנשפאַר פון אין־סוף... אָבער אַנשטאָט, באַקליידט זי אויך די זון מיט איר אומעט:

„די זון איז מיד
אַזוי ווי איך.
אַ כמאַרע שאָטנט
איבער איר,
אַזוי ווי איך.
אין שעה פון שרעק,
מיין תפילה
אין מיין יעדן ריר.

די נאַכט איז אומרואיק
ווי איך —
און עס וויינט מיין גורל
אין מיר שטום.
נאָר יעדע רגע
איז פול מיט גענאָד,
און עמעץ בענטשט מיך
שטיל און פרום". (ז. 18)

אין פערזענלעך קריטישע רגעס, האָט „עמעץ איר געבענטשט און מיט אַ שטראַל פון האָפנונג באַוואַכט" (ז. 19). מיט אַ האָפער־דיקע אָפגעאָטעמטקייט פאַר „עפּעס אייביקס און אומפאַרשטענדלעכס" (ז. 103) ווענדט זי זיך אין איר עניוותדיקער אַליינקייט: „פאַר דיין טראָפּעלע גענאָד שיקט מיין אויג צו דיר אַ לויב". און עפּעס פון דעם באַוואונדערער צוזאַמען מיט אַ פאַרכטיקייט איז אַפילו פאַראַן אין איר ליד „אַכצן שמייכלען". איר פנים איז באַשטראַלט אין אָנבליק פון אַ שלאָפנדיק געשטאַלט; עס שלאָפט איר טאָכטער, פון וועמען עס לייכט מיט רייף אויסגעפלאַטערטע אַכצן יאָר:

„זונטיק פרי.
גלאָקן קלינגען, קלינגען
און וועקן זי פון שלאָף.

אויף אירע שיך
גליט נאָך דער פלאַם
פון דער נעכטיקער האָראַ.

די וואָלענע קאָלדרע
האַלט זי אייַנגערייפט
אין רייפן פון זיכערקייט.

אַכצן שמייכלען
טאַנצן מיט ניצחון
אויף אירע טונקעלע וויעס.

ווי אַ פאַנטאַסטיש
חייס פלאַטערל
רוט איר קלייד אויף אַ שטול.

מיט פאַרליבטע אויגן
פלאַטערט איבער איר
דער נעכטיקער אָוונט.

די וואָלענע קאָלדרע
האַלט זי אייַנגערייפט
אין רייפן פון זיכערקייט.

גלאָקן קלינגען, קלינגען
און קאָנען זי נישט
אויפוועקן פון שלאָף״. (ז. 27)

אָט־די פאָרכטיקייט שטראַלט דורך איר אייגענער גוטסקייט און אויסגעפלאַטערטע בענקשאַפט, נאָך אירע אייגענע „אַכצן שמייכלען״, וואָס איז דין אַריינגעוועבט אין דעם ליד.

אַזוי אַנטפּלעקט זיך אויך איר גוטסקייט דורך איר צאַרט דורכגעלעבטן מיטגעפיל צו דער דיכטערין רחל קאָרן. פון דעם ליד רעדט אַראָפּ איר כאַראַקטעריסטיש־עכטע אָפנקייט:

„דיינע לידער — זאַנגען פול מיט טרויער —
נייגן זיך צו מיר אין אָוונטיקע שעה;
שטומט מיין וואָרט אין מיר אין טיפער ליבשאַפט
פאַר דיין דורכגעלעבטער פיין וואָס איז נאָך דאָ.

ברענגט די ווייט מיר אָן בית־עולם שטילקייט,
און אַ פויגל ברענגט אַ קינדס געוויין,
און די לידער דיינע, רחל, ברענגען
טרערן, וואָס פאַרגאָסן האָט זיי גאָט אַליין.

שיק איך איצטער דיר מיין שטומע ליבשאַפט —
וועט זי זיין אַ טרייסטונג פאַר דיין מידע שעה? —
— בעט איך אַז דיין אייגן וואָרט זאָל זיין דיין טרייסטונג
פאַר דיין דורכגעלעבטער פיין, וואָס איז נאָך דאָ״.

זי איז אָנגעזאָפּט מיט וועלטישן צער. איר עכטער ניגון דערגייט אָבער ניט צו אונז דורך מאָראַליסטישע אָדער מוסר־השכלדיקע לידער, וועלכע האָבן פאַר איר אַ דרויסנדיקן רייץ, נאָר דווקא דורך אירע לירישע שירים און דורך אירע דינע אַלעגאָרישע מאָטיוון. און דורך אָט־דער דינקייט ווערט ביי איר אַ טיש סימבאָליש פאַרוואַנדלט אין אַלט וואַלדיק לעבן. דער פּשוטער טיש באַקומט אַ טיפערן זין; זי לעבט־דורך דעם זין פון פאַרוואַנדלונג:

„דאָס נייע מעבל אין מיין וואוינונג
האָט אַ שלאָג געטאָן אויף מיר מיט בלאָנדקייט,
מיט זוניקע פרימאָרגנס,
מיט הונדערט־יאָריק וואַלדיק לעבן.

איך גלעט דעם טיש, דעם פּשוטן און גלאַטן,
מיר דוכט ער רעדט צו מיר:
„אָ, היט מיך אָפּ,
איך טראָג אין זיך אַ קרובהשאַפט צו דיר —
פאַרוואַנדשאַפט,
פון דיינע עלטער־עלטער־זיידעס.

נאָך דאַן,
ווען כ׳האָב געלעבט מיין וואַלדיק לעבן,
האָב איך דורך מיינע וואָרצלען
אַריינגעזויגן דאָס געביין
פון דיינע עלטער־עלטער זיידעס.
אָ, היט מיך אָפּ,
איך טראָג אין זיך אַ קרובהשאַפט צו דיר". (ז. 38)

אַזוי רעדט צו איר דער וואַלד דורכן טיש און מיט ליבשאַפט איז זי מקבל זיין „דו". די אינטימקייט לייכט מיט זוניקע פרימאָרגנס און זי „גלעט דעם גלאַטן, בלאָנדן טיש"... דער טיש אָטעמט מיט איר שטילן און טיפן אָטעם.

אירע נאַטור־לידער אַנטפּלעקן דעם געצאַמטן רעש פון איר געמיט, וואָס איז ווי דער ווינט, „וואָס שמייסט דעם רעגן ווי מיט שטריק". זי פּראַלט־אויף די טיר פון שטילקייט און סע דערהערט זיך דאָס ריטמיש צעוויגטע ליד פון „אַ רעגן":

„יאָגן אַשיק גרויע כמאַרעס
ווי אַ סטאַדע גרויע בערן,
זיך צעגראַגערט און צעדונערט
מיט אַ רעגן, מיט אַ שווערן.

טאַנצט אַ רעגן אויף די דעכער —
טויזנט שנאָבלען אין געפּיק,
ווערט דער ווינט אַלץ בייזער, פרעכער,
שמייסט דעם רעגן ווי מיט שטריק.

אויפגעוועקט די גאַס פון דרימל,
שווענקט אַ שטראָם דעם שטאַם פון בוים,
ווייַנט צעקנייפּט פון ווינט אַ בלימל,
און אַ גרעזל האַלט זיך קוים.

וואַסער בלעזלט זיך אין לוזשעס,
פון די רערן יאָגן שטראָמען,
אַ סימפאָניע פון וואַסער,
אַ גערויש פון רעגן־שטראָמען.

מיטאַמאָל ווערט שטיל און ליכטיק,
רעגנבויגן גיט אַ בלענד
און צינדט אָן מיט זיבן פאַרבן
ביימער, פענצטער, דעכער, ווענט". (ז. 81)

אָפּגעריגזה'ט האָט דער רעגן און סע איז געוואָרן „שטיל און ליכטיק"; לייכטער אויף דער נשמה. אָבער אין היפּוך צו דער אויפגעבונדנקייט אין דעם נאָר־וואָס ציטירטן ליד, איז פאַראַן אין דעם בוך גאָר אַן אַנדער „רעגן־ליד":

„גאַס און גלאַנציק ווי אַ ים־לייב
איז מיין גאַס.
די ביימער שענקען זייער נאַקעטקייט —
דעם ווינט.
דער רעגן וואַשט זייערע ברוינע שטאַמען
ביז די וואָרצלען.

גלעזערנע אַרבעסלעך
קלאַפּן אויס אויפן בלעכענעם דאַך
אַ מאָנאָטאָנעם ניגון.
דאָס וואַסער שטראָמט
אין ווינקלדיקע רערן
און זינגט אַ תפיסה־ליד". (ז. 88)

דאָ הערט מען דעם עכטן ריטעם פון איר געמיט וואָס האָט זיך גענומען פאַר אַ שותף דעם רעגן. אירע מערסטע נאַטור־לידער ציען זיך צו רגעדיקן אויפשטראַל; צו 'רגעס פון געגנאַד' און זינקען צו האַלב־שאָטנדיקער גרויער טונקלקייט. אין „אַ חתונה אין כמאַרע־לאַנד", האָבן מיר אַ וואונדערלעכן ספּעקטאַקל אויף היימיש יידישן אידיאָם, אָבער דווקא דורך וואָלקן־אימאַזשן, „מיט ווייסע בערד און פּאות און גרויע היטלען. — מיט האָרבעס און טאָרבעס און פאַלעס צעפליקטע, שפּילן זיי אויס זייער בעטלער־טאַנץ ביים גרויען ראַנד" (ז. 99). איר קענסטלערישע הויך דערגרייכט זי אויך אין איר געמעל „צוויי באָנעס", אויף אַ הינטערגרונט פון טיף־בלויען סאַמעט, וואָס האָט עפּעס רעמ־בראַנדישעס אין זיך (ז. 47).

אין אַ בין־השמשותדיקייט איז איינגעהילט דאָס בוך פון טאָוול צו טאָוול. אויך אין דעם ליד „סוף זומער" גיט זי אונז אַזאַ ליכט וואָס ווערט ממש איינגעשלונגען וואָס לייכט אָבער צוריק אויף, תפילה־דיק אין טיפקייט פון נאַכט:

„בלענדט דער דאָרפישער וועג ווי אַ גאָלדענע זעג,
שאַר איך אָן פולע קוישן מיט גאָלד אויף מיין וועג;

און מיט תפילות אויף ליפּן צו דער ערד פאַל איך צו
ביז דער טיפקייט פון נאַכט, ביז דער זילבערנער רו". (ז. 85)

— און תפילהדיק זינגט זי וועגן אַלע געקוילעטע נעכטנס וואָס קוקן צו איר דורך אַ קריגל אַש מיט מיליאָנען אויגן אין דער "הייל פון שוידער" ביים הר־ציון (ז. 118). און מיטן זעלבן אָטעם אַנטפּלעקט זי פאַר אונז איר טרער אין "אַ תפילה" (ז. 150):

"נישט דבורה, נישט יהודית, נישט אסתר
נאָר אַ פּשוט קינד פון דיין פאָלק
וויינט פאַר דיר איצט, אַ גאָט".

אָבער הינטער דער וויסער שטילקייט הערט זיך דאָך דער פאַנאַנ־דערגעוויגטער רעש וואָס עס טראָגט איבער "העלזער פון ביימער" דער "פייערדיקער בליץ", און זי זאָגט:

"ס'ווערט שיטערער אין אונזער יידיש־וואַלד;
נאָר אייביק וועט דאָך לעבן
די גבורה פונעם דעמב,
דער אַראָמאַט פון סאָסנע,
די גרינקייט פון טאָפּאָל,
און אין פלאַטער פון די בלעטער —
דער גייסט פון הויכן קלעטער". (ז. 154)

צוזאַמען מיט דער דיכטערינס אויפריכטיק דורכגעלעבטן צער, קומט אונז אויפן רעיון, אַז דווקא אין דעם וועלטישן האַרמידער איז פאַראַן אַן אַ שיעור מער אומפאַרשטענדלעכס ווי אין דעם ניט־דערגרונטעוועטן געטלעכן אין־סוף... איר ליד איז דאָס בליציק־ליכט איבער אָט־דאָס אומפאַרשטענדלעכע. — מיט פרומער אָפּגעהיטקייט, זאָרגפעלטיקייט און ריינקייט איז איר יעדע שורה און מיט געניטער פאַרטראַכטקייט זינגט זי אויס איר ניגון. — "רגעס פון גענאָד" איז די אידעלע עכטקייט פון דער פּאָעטישער פערזענלעכקייט פעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ.

◆

י. פּאַפּיערניקאָוו

(אין שייכות מיט זיין בוך לידער „די זון הינטער מיר")

י. פּאַפּיערניקאָווס לידער זיינען טרויער קראַנצן. זיין טרויער איז געפּאָרט מיט וואונדער איבער זיין אַליינקייט וואָס איז פאַרוואָלקנט אין בלויער שטילקייט. ווען ער רעדט וועגן פרילינג איז ער ווי איינער וואָס וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון ווינטערדיקער פאַרהילטקייט. סע איז פאַראַן אומצוטרוי אין זיינע רייד וועגן ליכט און פרייד. איב זון, איז זי אַ ראַנגלענדיקע, וואָס „גייט ווי אין בלוט אינעם אייגענעם אויס" (ז. 38).

ער אַנטפּלעקט זיך אין זיין קורצן אָטעם־צי פון זיין ליד. מע ווייסט אָבער ניט צי זיין טרויער איז גורם זיין שוויגן, אָדער איז שוויגן גורם זיין טרויער. סע איז זיכער קלאָר, אַז אין שטילקייט פון טריט קומט ער און אינדערזעלבער שטילקייט פאַרגייט ער.

בלויז אין אויסנאַם מאָמענטן, ווען זיין געהער ווערט פּלוצים איפּגערודערט מיטן רעש פון אייגענעם שטיל פאַרזיכטיקן טראָט, הייבט ער אויף אין רוגזה זיין קול, אָבער ווערט ווידער תיכף דורכגענומען אין זיין פאַרוואָלקנטער שטילער אַליינקייט.

זיין וואָרט באַוועגט זיך צו איינגעצויגנקייט. — און סע איז פאַראַן עסטעטישער אויפלייכט אין זיין וואָרט, וואָס קומט פון זיין שטילקייט אַרויס. ער שטייט שטענדיק אויף דער שוועל פון אָנהייב און אורשפּרינגלעכקייט. ער דאָרשט נאָך דער וואָרעמקייט פון צוגעוואָרצלטקייט און באַהעפטונג, ווייל —

וואָרט — מיין קינד
איך פיל דיין קאַלטן ציטער
אין מיין האַרץ־וויג;
כ'פיל דיין שווערן אָטעם

אין מיין ברוסט;
פון טאָג צו טאָג אַלץ אומעטיקער
שווייגנדיקער, שטומער —
טראָג איך דיך אַ הלאָס אַרום,
און זוך פאַר דיר אַ וואַרעם אָרט.
און כליייג דיך הפקר, בעטלעריש אַוועק
אַ נאַקעטס אויפן ברוק,
מיין אָרעם קינד — מיין וואָרט". („פרוכט אין ווינט" ז. 67)

ער פילט דעם קאַלטן ציטער פון זיין וואָרט, ווייל סע איז באַהויכט מיט נעגאַציע און אַ שרעק בטל צו ווערן אין בלוטלאָזיקייט. זייט פאַרזיכטיק! ווען איר באַטרעט דעם ברוק פונעם פאָעט.

ער איז הוילער באַוואונדערער אַפילו ווען ער געפינט זיך אין זיין איינגעשלאָסענעם תחום. ער אָטעמט אין זיך אַריין זיינע באַלעבטע טראַנספיגוראַציעס. ער באַוואונדערט זיך דורך נאַטור אָביעקטן, וואָס זיינען רעפלעקציעס פון זיך גופא. סע טראַכט זיך, אַז אויף אַזאַ אופן, פון איבערפורעמען זיך אַליין אין נאַטור געשטאַלטן, איז באַשאַפן געוואָרן די גאָט־מעשטאַלט. ביי פאַפּיערני־קאָוון איז אָבער די גאָט־געשטאַלט גאָר ווייניק בנימצא, ווייל זיין געזאַנג אין „די זון הינטער מיר" איז ניט אויפגאַנג נאָר אָפּגאַנג. האָט דערפאַר זיין ליד אַ באַזונדערן טעם; אַ טעם פון געזעגענען זיך געמישט מיט בענקשאַפט. אַ בענקשאַפט פאַר ניט מקוים געוואָרענע חלומות און פאַרלאַנגען. חלומות וואָס ער האָט אפשר קיינמאָל ניט געוואָלט דערגרייכן; ער האָט געוואָלט סע זאָל אייביק בלייבן חלום:

„זאָל זיין, אַז איך בוי אין־דער־לופט מיינע שלעסער,
זאָל זיין, אַז מיין גאָט איז אינגאַנצן נישטאָ,
אין טרוים איז מיר העלער, אין טרוים איז מיר בעסער,
אין חלום — דער הימל, נאָך בלאָער פון בלאָ..."

(„פרוכט אין ווינט", ז. 30)

כאָטש ער האָט דאָס ליד געשריבן אין 1924 און וואָס איז אגב געוואָרן פּאָפּולער מיט מוזיק ביי יידן אומעטום, איז ער געבליבן געטריי צו אַ לעבן אין חלום. ווייל קוים טרעט ער אַריבער די שוועל פון חלום צו וואָר דערפילט ער די ביטערניש פון זיין אַליינקייט. סימנים זיינען דאָ אין דער שטומקייט פון דער קליאַמקע אויף זיין טיר; אַ קליאַמקע וואָס לעכצט נאָך דעם באַריר פון אַ האַנט:

„קום אַריין! — ס'וועט קיינער דיך נישט זען
ס'איז נאָך דיר, דאָ, קיינע נישט געווען,
און זי וועט אוודאי שוין נישט זיין.
שטיי נישט פאַר דער טיר און — קום אַריין!"

(„די זון הינטער מיר", ז. 80)

דער דיכטער פּאַפּירניקאָוו צייכנט דינקייטן פון צער, טרויער אין קאָליר פון טונקל־רויט:

„אַ הונט וואָס פירט אַ בלינדן —
איז דער הינטישסטער. דער טרויעריקסטער הונט,
פון וועמעס אויגן ס'טריפט מיט מענטשלעך צער,
ווי אייטער פון אַ בלוטנדיקער וואונד". (ז. 48)

עס איז פאַראַן אַ זיסקייט אין זיין ביטערניש, ווי סע איז פאַראַן אַ לויטער ליכטיקייט אינעם טונקל פון זיין בין השמשותדיקייט. זיין פאַרגיין מיט דער זון ווייט הינטער זיך, באַזוימט דעם דיכטער אין זיין אייגן ליכט און אין וואונדערלעכער שטילקייט. — אַ שטילקייט אין וואונדער. ער צייכנט זיך אַריין אינעם טייטלבוים:

„אַן איידלבוים, אַן אַשיק־גראָער ענו,
אַ מסתפק, וועלכער גיט אַ סך". (ז. 60)

ער איז כמעט דורכאויס נעגאַטיוו. — אָבער ניט געקוקט אויף זיין טעמאַטיק וואָס איז אין טאָן מינאָר, שטראַלט זיין ליד מיט

שלימות. סע איז דאָ פרישקייט אין זיין וואונדער; פריש ווי די אויגן פון אַ קינד.

דער דיכטער איז עכט יחידיש און זיין נגינה טראָגט זיך אַריי־בער מיט שפּיצפינגערדיקן באַריר.

ניט געקוקט אויף זיין טרויער און צער, איז ער אַן אָפענער דיכטער און מיט אָפענע שפּירונגען. שפּירונגען וואָס זיינען הויל און אָפן אָנצורירן און דערפילן די וואונדערלעכע וואַרעמקייט וואָס שטראָמט פון זיי אַרויס. אויף די סאַמע שפּיצן פון זיינע הרגשות אַנטפּלעקט זיך זיין ליד.

ער זאָגט וועגן זיך:

„כ׳בין כולו אויער,
בלויז געהאָרך,
געהער פאַר דינסטן
מינדסטן
שאָרך;
און שטענדיק איז מיין אויער וואַך
ווי ביי אַ האָז,
וואָס ציטערט פאַרן ציטער פון אַ בלאַט,
און פאַר דער ווייטסטער, שטילסטער שפּראַך
פון גראָז״. (י. 90

ער הערט ניט בלויז דעם דרויסן; ער הערט די פּנימיותדיקע וויבראַציעס אין שטום לעבן. ער הערט ׳פּירות פּלאַצן מיט אַ שריי׳. ניט נאָר הערט ער, נאָר פילט זיין אייגענעם טרויער אין די סנאָפּעס אויף די פעלדער:

אויף מיינע פעלדער קניען סנאָפּעס פרום געגאַרטלטע,
אַרומגענומען קאָפּ אויף קאָפּ אין עצבות,״ — (י. 91

פּאַפּיערניקאָוו איז ניט נאָר געהער, ער איז זעער און צייכענער. ער צייכנט ניט בלויז סילועטיש נאָר געשטאַלטיק. אַזאַ העלזעעריש־קייט איז טאַקע פאַראַן אין „אויף יעקבס לייטער":

„זע איך בילדער — איינע פון דער צווייטער
אומגעוויינטלעכער — מיט זייער בלאָ־געבענד,
און אין בלאָען שימער — יעקבס חלום־לייטער,
וואָס איך האַלט אַרומגענומען מיט די הענט". (ז. 112)

זיין תוכיק לעבן איז באַהויכט מיט פּחד:

„מיין משפּחה איז אַ וואַלד פוןביימער אַלערליי:
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
און מיר די קינדער — קלאַגנדיקע ווערבעס". (ז. 13)

פון אַ שטומקייט אַזאַ איז דעם דיכטערס לשון דערפאַר געוואָרן געזילביקט מיט פאַרזיכט, — און באַקרוינט מיט אייגענעם וואונדער דאָס וואָרט, וואָס ברעכט זיך דורך דער שטומקייט אַרויס.

אין זיין ליד „געוויין פון אַ בלינדן", איז זיין געהער, ראיה און אייגענער טרויער פאַראייניט מיטן טרויער פון בלינדנס געוויין:

„כ'האָב געהערט אַ בלינדן וויינען,
אַ געוויין אָן טרערן, —
וועל איך שוין דאָס גאַנצע לעבן
דאָס געוויין זיינס, הערן.

ס'איז געווען נישט קיין וויינען,
נאָר אַ הינטיש קלאָגן
אין אַ טיפער, טיפער
אויסגאַנגלאָזער נאַכט געטראָגן;

הינטיש נאַכט־געוואָי —
אין סאַמע מיטן טאָג אין העלן —

ווען עס זיינען גאָלדענע
געלעגן טרעפּ און שוועלן.

ווען די זון האָט אַלץ און אַלעמען
אין ליכט פאַרטרונקען —
איז געשטאַנען מיטן קאָפּ
אין פינצטערניש פאַרזונקען,

ביי אַ וואַנט — אַ בלינדער
און — געוויינט, געוויינט אָן טרערן,
אַ געוויין, אַזאַ,
וואָס כ'וועל שוין ס'גאַנצע לעבן הערן".

י. פאַפּיערניקאָוו זעט געשטאַלטיקייט מיט זיין רוקן, מיט זייטיקע זעעוודיקייט און דאָך אין פּשוטער קאָנקרעטקייט. אַלץ וואָס ער זעט איז אין וואונדערלעכע שטילקייט, שטילקייט אין וואונדער.

משה שטיינגאַרט

(אין שייכות מיט זיין בוך לידער „אַליין")

זיין גנאַנג איז באַגלייט מיט זייד שטילן שאַרף. זיינע פערזן שלאָגן ריטמיש ווי פיינלעכע סעקונדן און צעטרייסלען זיין אינערלעך לעבן. זיין ליבשאַפט — אַ דרימל „וואָס מאַמע האָט ביים גראַשיק ליכט ניט דערוויגט" (ז. 9). — אין פאַרקלעמט נאַכטיק שווייגן איז ער מתפלל צו דער אייביקייט:

„פאַרוואַנדל אונז אין וואַסערטראָפנס
וואָס ווערן אויף שפיציקער גרינקייט פון גראָז געפאַנגען,
ווען אַ זונשטראַל זיך אין אונז פאַרטשעפען
און מיט גאָלדענעם גליווער אין אונז צעפינקלען". (ז. 33)

אַזוי האָט ער שטיל געוויינט אינעם טאָג פון וועלטיש מאָראַ-לישן צוזאַמענבראָך; אין טרויערטאָג פון נאַצישן סעפטעמבער 1939. מיט ערנסטער אחריות צו זיין פאָעטיש וואָרט, זוכט ער מיט אָנגע-שטרענגטער מי און געפינט אויסדרוק וואָס אַנטבינדט און באַפרייט זיין שטיל פאַרפייניקט קול, ער איז אָבער ניט באַפרידיקט מיט זיין געפינס, צעקרישלט ער די זון אין רעגנטראָפנס און ווערטער ווערן אין זילבען צערונען. אין זיין הילפלאָזיקייט בעט ער:

„אויב וואָרט איז מיר ניט באַשערט, שענק מיר כאָטש קלאַנג".
(ז. 39)

די געטלעכקייט האָט אָבער די וויעס געשלאָסן און סע איז שטאָקנאַכט. די אייביקייט איז אין מיליאָנען מענטשלעכע טראָפנס צערונען. — און דער דיכטער שטייט ביים ראַנד וואו יאָ ווערט פון ניין פאַרשלונגען און זאָגט:

„מיר זיינען די שטרויזעק פון אַ רייף פאַרשניטן פעלד,
דער עכאָ פון נאָכגעלאָזטן בויגן,
מיר ציִלן אונזער ווילן אין אייביק אַריין
און אונזער דויער איז געפּל פון באַהויכטער שויב". (ז. 20)

ניט נאָר אונזער דויער נאָר דער איכות פון דער אייביקייט ווערט אויפגעלייזט אין אַזעלכע פאַרנעפּלטע רגעס. אין אַזעלכע פאַר־נעפּלטע רגעס ווערט אָבער אויך זינלאָז דעם דיכטערס ווענדונג צו דער געטלעכקייט ווען ער זאָגט: „נאָר דו באַזינסט מיט זין אונזער אַלעמענס אומזין".

פילט זיך דערפאַר אין זיין געזאַנג אַן ענגשאַפט און געראַנגל אַט די ענגשאַפט פאַנאַנדערצושפּאַרן. ווי שטאַרק מיר זאָלן ניט צעזינגען און לויבן דעם געטלעכן זין, זינקען מיר אין דער פאַר־געטערונג, אין גרויסן אומזין, ווייל —

„בלינדע בלאָנקען מיר אין דיקן פינצטער
מיט קעפּ צו פעלזשפּאַלטן געצילט,
מיר בלוטיקן אין לעצטער אומבאַהאָלפנקייט
און ווייסן ניט פאַרוואָס צו שטאַרבן". (ז. 33)

אויפן רוקן פון דער טאָגטעגלעכקייט וועלכע ווערט פון אונז פאַראַכט, רייטן מיר צו וויטע דיסטאַנצן. מיר רייטן צום כסא הכבוד, וואָס מיר האָבן אויף אַן אומבאַשטימטן אַדרעס אַוועקגעשטעלט.

„בלינדע בלאָנקען מיר אין דיקן פינצטער — מיט קעפּ צו פעלזשפּאַלטן געצילט". אין דער בלינדקייט זיינען מענטשלעכע לעבנס צעהאַנגען, וואָס דאַרפן דינען ווי וועגצייכנס צו דער ווייטער דער־לייזונג. —— דער וועג ציט ווייטער אין פאַרויס.

איז וואָס איז דער זין וואָס באַזינט אונזער אַלעמענס אומזין? — וואו איז דער פרשת הדרכים וואו סע ענדיקט זיך אומזין און סע הויבט זיך אָן זין? — וואָס פאַראַ זין איז אין דער בלינדקייט, אין דיקן פינצטער, וואו קעפּ זיינען צו פעלזשפּאַלטן געצילט? ——

דער וועג וואָס ציט ווייטער אין פּאַרויס איז אַלט און שטויביק. אָנגעהויבן האָט זיך די עליה צום אורים ותומים, מיט בליצן און דונערן וואו סע האָבן זיך געטער באַוויזן אַרום פּאַרלוירענע האָריזאָנטן; הינטער בערג פייערדיקע וואָלקנס, — און געענדיקט האָט זיך די בלינדע ראיה אין ווייטע אינפיניטיווע דיסטאַנצן, וואָס האָט די ראיה נאָך בלינדער געמאַכט.

דאָס איז דערזעלבער וועג, נאָר עטוואָס פאַרקירעוועט, וואו מע האָט קללות אויסגעזונגען אויף דער טאָגטעגלעכקייט און גלאָריפיצירט דעם להבא; וואו מע האָט דאָס פּשוט מענטשלעכע טאָגטעגלעך לעבן אויסגעביטן אויף דעם פאַרהוילענעם און אויסערגעוויינלעך אומבאַקאַנטן. דאָס איז דערזעלבער שליאַך וואו סע ליגן ריזיקע בערג פון דערמאָרדעטער טאָגטעגלעכקייט; סע איז דערזעלבער שליאַך וואו דער געוויינטלעכער מענטשלעכער יש איז אויפגעלייזט געוואָרן אין געטלעכער פורעמלאָזיקייט און פאַרוואַנדלט דעם הוה אין פאַרנישטיקטן שטום גורלדיקן להבא.

קעגן דעם אויסגעקליגלטן געטלעכן „דו", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ סכנהדיקע פליטה פון זיך גופא, דערקלערט דער דיכטער: „מיר גלייבן אין אומגלייבן פון פאַרהוילענעם גאָרנישט". דאָס איז אַ טעאָלאָגישע מעטאַמאָרפאָזע וואָס האָט דערפירט צו ווערן „אַ ליידיקער שטרויזאַק, אַ פוסטער עכאָ אינעם נעפּלדויער פון דער אייביקייט".

אויף אָט דעם וועג בלאָנקעט אונזער פּאָעט משה שטיינגאַרט און ער זינגט דאָס ליד פון פורעמלאָזן (ז. 15):

> „כ׳פיל אַ פורעמלאָזע האַנט שרייבן דעם לעצטן פּלוס
> איבער מיינע שאָטנדיק אויסגעצויגענע הענט".

אַלע עוואַנגעליעס האָבן די לעבעדיקע טאָגטעגלעכקייט איינגעוויקלט אין תכריכים פון להבא. „און דער וועג ציט ווייטער אין פּאַרויס" (ז. 11). דער וועג ציט צום ערגעצוואו אַרום „פאַרלוירענע

האַריזאָנטן״, וואו סע שטייט אָנגעגרייט אַ שכר פון אייביקן נחת אין דער זיו־השכינה. דער וועג ציט ווייטער אין פאָרויס וואָס פאַר־הייליקט דעם להבא אין אייגענעם פאַרלענד. זאָגט דער דיכטער:

„דו וואָס האָסט מיר געגעבן דעם כוח צו ראַנגלען
מיט דעם אייביקן סוד פון טאָג און נאַכט,
ווערסט אויסלעשן מיינע אויגן —
מיט אַ לעצטן בליק אין גאַרנישט אַריין.

און איך וועל זיך דיר באַווייזן
מיט דעם נישט דערלאָשענעם פלאַם וואָס הויערט
אַרום ברעג פון מיין צאַפּלדיקער ליפּ״. (ז. 14)

פון באַוואָרפן גאָט מיט סופּערלאַטיוון און קאָמפּלימענטן ביז זעלבסט פאַרניינונג איז גאָר אַ קורצער מהלך.

דער וועג פונעם פּאָעטס אַליינקייט ציט זיך צו יענערזייט פון דער טאָגטעגלעכקייט. אין אים ווייזט דאָס געוויין פון טראַגישער שטומער גורלדיקייט. איז ער זיך לפי שעה מתדבק מיט אַן אויס־געטראַכטן כולו ישׁ. זינגט ער זיין ליד פון צאַפּלדיקער ליפּ אַראָפּ מיט מדברדיקער טרוקעניש אויף גומען. בליצט־אויף זיין פורעמלאָזע אַליינקייט אין רגעס ליכט וואָס ווערן צעשפּאָלטן אויף די גראַטעס פון זיין פענצטער. פון דער פאַרשפּאַרטקייט זוכט ער דעם געטלעכן זין, וואָס באַזינגט דעם מענטשלעכן אומזין און ער בעט זיך:

„גיב אַ לעצטן בליץ מיט דיין וואונדערלעכסטן ליכט״.

דאָס וואונדערלעכסטע ליכט איז אָבער ניט צו געפינען דורך פעלזשפּאַלטן און ניט אַרום פאַרנעפּלטע האָריזאָנטן, נאָר אין זיך גופא. אָט פון דאַנען קומט דאָס גרויסע ליכט.

כאָטש זיינע לידער זיינען לאַנג שורותדיק, פילט זיך אין זיי אַ קורץ־אָטעמדיקע מידקייט. דער פּאָעט גייט אויף אַלטע שטויביקע וועגן. וועגן וועלכע האָבן ניט די טאָגטעגלעכקייט דערהויבן, נאָר

דאָס מבזה געווען און דאָס הייליק פשוטע מענטשלעך לעבן אויסגע־ביטן אויף אויסגעחלומטע פורעמלאָזע אימאַזשן.

דער פּאָעט משה שטײנגאַרט טראָגט אויף זיך דעם שטויב פון אַט דעם גאָט זוכערישן שליאַך. זינגט ער דאָס ליד פון טויטלעכסטן טויט און ראַטעוועט זיך אינעם געטלעכן סוד פון פאַרנעפּלטע האַרי־זאָנטן. פון אַ צילן אין דער אײביקייט ווערט אָבער אַ צילן פון קעפּ דורך פעלזשפּאַלטן. דער געטלעכער אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט אין „פאַרהוילענעם גאַרנישט".

דער וועג פונעם דיכטער ציט ווייטער אין פאָרויס וואו עס ווערט פאַרלענדט דער מענטש צוזאַמען מיט זיין גאָט:

„דער הימל איז שוין מער נישט קיין דאַך איבער דער ערד,
מ ט פייער און רויך —
וועלן מיר נאָך דיך אויך פאַרלענדן".

משה שטײנגאַרטס זיווג מיט טויט איז אין דער אמתן אַ טיפע בענקשאַפט נאָך לעבן. זיינע אויגן „שימערן אין גייציקער מי צו צעצונדענע פנימער און פּיסיקן פליי". אָבער זיין איינזאַמקייט וואַקסט געדיכט און שווער, וויל וועלטן ווערן דאָ אין שטיקער צעכאַפּט, צעטראָגן, צעוויכערט, צעזייט. דער פּאָעט לעכצט נאָך אַן אַנדער מין טאַנץ, אַ טאַנץ וואָס זאָל ניט צעטראָגן ווערן און ניט צעגיין. ער נעמט זיך אַרום און וויל זיך ניט אָפּגעבן אין אַ צעבערעקלטן טאַנץ, נאָר צו „דערפולטער פולקייט".

זיינע לידער זיינען ווי שטרענג פאַרצייכנטע טעלעגראַפישע ידי־עות איבער די דעכער פון געווינטלעכער טאָגטעגלעכקייט.

די שטילקייט אָדער שטומקייט אין זיינע לידער זיינען אין אַזעלכע מדרגות, וואָס ניט קוקנדיק וואָס עס ווייעט פון זיי אַראָפּ קאַלטער אָפּשייד, וואַקסט אַלץ שטאַרקער דער באַגער אַריינצוקומען אין די ד' אַמות פון זיין פּאָעטישער איזאָלירטער שטילקייט. זיין

שטומקייט איז אָנגעזאָפּט מיט אָביעקטיווער גורלדיקייט. ניט נאָר איז ער שטום און אַליין, נאָר אויך אַלץ אַרום אים איז שטום פּונקט ווי די גראַטעס פאַר זיין פענצטער. די דרויסיקע ליכטיקייט ווערט אָבער פאַרטונקלט פון זיין אייגענעם וואַקסנדיקן שאָטן.

מיט זיין עצם קורצשפּאַניקן טראָט האָט ער אַ באַגער צו שפּרייז און קלעטער. דערפאַר איז דאָס וואָס ער וויל גובר זיין, אים גובר.

זיין וואָרט־אויסוואַל איז געזיפּט און געפּערלט און זיינע שורות שנירלען זיך מיט בלאַנקער ריינקייט.

וועגן נחום סומערס בוך „מענטש און וואָרט"

(אימפּרעסיעס)

אתּה בחרתּנו מכּל העמים. פון אַלע פעלקער אין דער וועלט האָסטו אונז אויסגעקליבן צו גרויסן און שטאַרקן דיין נאָמען. פאַר־מאָגסט צדיקים געגנוג, וואָס זיינען גרייט מיט יראת הכּבוד צו גיין אין פייער פאַר דיר און צו לויבן דיין נאָמען. אונזער גייסטיקע יצירה איז פּוסט און זינלאָז מחוץ דיין זיו־השכינה. די תּשט״ז יאָרן פון דיין זינדיקער ערד זיינען פאַרבונדן מיטן כּסדרדיקן קאַמף צווישן כאַאָס און סדר. אָבער זינט מיר דינען דיין נאָמען זיינען מיר אַרומ־גערינגלט מיט גוים וועמעס גייסטיקע יצירה איז ׳פריי, הפקר און געוויסנלאָז׳. מיר האָבן אַלעמאָל אויסגעפאָלגט דיין געבאָט, כאָטש מיר זיינען געשטרויכלט געוואָרן, צוליב גויישן איינפלוס, אין דעם גרעסטן לאָו פון תּורת משה — חילול השבת. — און מיט רעכט האָסטו אונז אָנגערופן ׳עם קשה־עורף׳. אָבער אין אונזער האַרטקייט און עקשנות האָבן מיר נישט אויפגעגעבן דיין געבאָט צו זיין אַ פאָלק מיט געטלעכער שליחות איינצופלאַנצן אַ ליבע צו דיין נאָמען און צו דיין תּורה צווישן די פעלקער פון דער וועלט. אָבער די פעלקער פון דער וועלט וועמעס גייסטיק לעבן באַשטייט פון ׳שפּיל, אַמוזירונג און געגנוס׳ האָבן די חוצפּה צו געשטאַלטיקן אונז אין זייערע פּאַגאַניסטישע דרכים. דאָך האָבן מיר געבראַכט צו זיי אַ טייל פון דיין תּורה אין אַ פאַרשטעלטער פאָרם, וואָס זיי רופן קריסטנטום. עס איז אמת, אַז מיר האָבן דערפאַר זייער טייער באַצאָלט, אָבער מיר זיינען פאַרט פאַרבליבן דער נר־לגוים, ווייל דאָס איז אונזער ׳לעבנס־עיקר׳. דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער הללויה איז נחום סומערס גרונט־מאָטיוו אין זיין בוך „מענטש און וואָרט״.

גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב. פּנים אל פּנים האָסטו זיך

באַוויזן פאַר דעם גרויסן ייד משה. אָבער יעדעס מאָל ווען דו ביסט אַריין אין דיין גרימצאָרן און ביסט געוואָרן מלא חמה אויף די זינדיקע יידן און זיי געוואָלט עוקר־מן־השורש זיין, האָט דיך אָפּ־געהאַלטן די קלוגע עצה פון דיין קנעכט, משה. דאָס איז געשען אין דער צייט פון מעשה־עגל און אין דער מדבר־וואַנדערונג. אין דער מדבר האָט דיין פאָלק זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון דיין געבענטשט לאַנד, פון דער געטלעכער שליחות און בעסער געוואָלט זיך אומקערן צו עבודת פרך; ביסטו באַלד געווען גרייט אָפּצואווישן זיי פונעם פּנים פון דער ערד. ווידער איז עס געווען משה וואָס האָט אָפּגעהאַלטן דיין יד־חזקה וזרוע־נטויה און ביסט איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה, — דער אַלטער דור זאָל אויסגיין, אויסשטאַרבן און 'זייערע קערפּערס זאָלן זיך וואַלגערן ווי מיסט אין דער מדבר'.

אָבער לא אַלמן ישראל. כאָטש דו האָסט זיך ניט נוקם ונוטר געווען אין דיין פאָלק ישראל ווען משה איז געווען דערביי; האָסטו זיך אָבער מיט אונז אָפּגערעכנט ווען משה איז שוין ניט געווען. דאַרף איך דיך דערמאָנען וואָס עס איז נאָר וואָס מיט אונז געשען? דאַן האָט משה געוואוסט פריער וואָס דו פּלאַנעוועסט קעגן דיין אויסדערוויילט פאָלק, ווייל ער איז געווען נאָענט צו דעם כסא־הכבוד. קיינער אַחוץ משה האָט ניט געוואוסט — און ווייס ניט — אַזוי געגנוי דיין אַדרעס; האָט ער דיך געוואָרנט אין צייט און דו האָסט חרטה געהאַט אויף דיין גרימצאָרן.

משה־רבינו איז דאַך שוין נישטאָ און לא קם כמשה. האָט לוי־יצחק אויספּרובירט פאַרנעמען משהס ראָל. ווען עס האָט שוין ביי אים געפּלאַצט דאָס געדולד האָט ער אויסגעשריען צו גאָט: „וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל!” סיי משה און סיי לוי־יצחק האָבן זיך געווענדט צו גאָט אויף „דו”. אָבער ניט קיין אַנדערער ווי משה האָט געהאַט מיט גאָט פּערזענלעכע באַציאונגען. אגב, האָט אויך א. אלמי אויספּרובירט די גאָט־ברודערשאַפט ווען ער האָט אין זיין לידער־בוך „לעצטע געזאַנגען” אַ שליידער געטאָן

גאָט אין פּנים: „דו אכזר!" — אין דער פאַרמענטשלעכטער אינטימער גאָט־באַציאונג איז פאַרבאָרגן אַ געוויסע פּאַגאַניסטישקייט.

נחום סומערס „בחרתניזם" האָט אין מיר אַרויסגערופן די שיעור־ניט אַפּיקורסישע געדאַנקען. אין זיין עסיי „יודאַאיזם ווערסוס פּאַגאַניזם" אין זיין בוך „מענטש און וואָרט", זאָגט ער: „מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק מיט אַ געטלעכער שליחות. דאָס יידנטום האָט געשטרעבט צו ווערן דער נר־לגוים; געצילט איינצופלאַנצן צווישן די פעלקער אַ נייע לעבנס־מאָראַל, אַ נייע פילאָזאָפיע פון גאָט־וועלט־מענטש" (ז. 111). מיט דער מחשבה וועגן דער געטלעכער שליחות זאָגט ער: „די נייע תורה היינט־צו־טאָג איז, אַז מיר מוזן אין דעם אַלטן גייסט פון די יידישע נביאים זיך אָפּזאָגן פון דער עבודה־זרה־דיקער ריינער עסטעטיק; וואָס איז ביי די וועלט־פעלקער אַ מיטל פאַר שפּיל, אַמוזירונג און געניוס". זי, די קונסט, האַלט ער מיט ריוווקין, איז ניט מחויב און מחייב צו גאָרניט. זי איז פריי, הפקר, געוויסנלאָז. ביי אונז קאָן עס און טאָר אַזוי ניט זיין" (ז. 70). דער לאָגישער אויספיר פון די געדאַנקען איז, אַז מיר דאַרפן זיך אָפּקערן פון דער גוישער געוויסנלאָזער קונסט און דריי מאָל אַ טאָג זאָגן 'שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא', אָבער סומער זאָגט דאָס ניט. דורך די געדאַנקען פון 'עבודה־זרהדיקער ריינער עסטעטיק' דערגייען מיר צו דעם באַגריף פון יידישע טהרה קעגן גוישער טומאה, און אויך דאָס איז ניט סומערס כוונה. זיין כוונה איז ניט אָפּצוקערן זיך פון די פעלקער פון דער וועלט, נאָר קומען צו זיי ווי דער נר־לגוים. פאַר אים האָט דער יידישער קינסטלער אַ מאָראַלישע פליכט, ווייל מיר האָבן אַ געטלעכע שליחות. סומערס מאָראַלישע איינשטעלונג איז אין גייסט פון ישעיהו הנביא — „אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר, וואָס האָט באַשאַפן די הימלען און זיי אויסגעצויגן, וואָס האָט אויסגעשפּרייט די ערד מיט אירע שפּראָצונגען, וואָס גיט אָטעם דעם פאָלק אויף איר, און אַ גייסט די וואָס גייען אויף איר: איך גאָט האָב דיך גערופן אין גערעכטיקייט, און איך וועל אָננעמען דיין האַנט, און דיך היטן, און דיך מאַכן פאַר אַ בונד מיט די

פעלקער, פאַר אַ ליכט פון די אומות (לאור גוים); צו עפענען בלינדע אויגן, אַרויסצוציען פון געפענקעניש דעם געפאַנגענעם, פון תפיסה די וואָס זיצן אין פינצטערניש" (ישעיה, מב. יהואָשס איבערזעצונג). פון דעם שטאַנדפּונקט פאַרטיידיקט ג. סומער אויך שלום אַשס לעצטע ווערק וועלכע האָבן אין זיך דעם פּרינציפּ פון נר־לגוים — „צו ברענגען אַ בשורה. אויסצורופן פריישאַפט צו די געפאַנגענע" (פון פעלקער־שנאה). „זיי געבן אַ הויב אַנשטאָט שטויב. אייל פון פרייד אַנשטאָט טרויער. אַ מאַנטל פון לויב אַנשטאָט אַ באַטריבט געמיט" (ישעיה סא).

אָבער כדי עס זאָל לייכטן דער נר־לגוים דאַרף מען דאָך פריער אָנצינדן דעם נר־ליהודים. דאָס ליכט ווערט אָנגעצונדן מיט דער התלהבות און באַהאָפטנקייט מיטן לעבן פון פאָלקס שאַפן; דורך פריידיקער פאַנאַנדערגעבונדנקייט און פרייער שפּילעוודיקייט. אָט־די פרייד איז פאַרבונדן מיט ריינער עסטעטישער הנאה, ליבע און באַוואונדערונג; און דאָס באַטראַכט סומער ווי עבודה־זרה.

ער זאָגט: „דער גרויסער יהודה הלוי האָט אונז געוואָרנט, אַז אין אונזער אָפּשאַץ פון בוים זאָלן מיר בעסער הנאה האָבן פון זיינע פּירות ווי פון די בלומען" (ז. 85) דאָס איז אַזאַ מין נזירות וואו דער עטיש־מאָראַלישער פּרינציפּ איז דאָגמאַטיש פאַרקניפּט מיט תכלית און שליסט אויס עסטעטיק ווי אַ פונדאַמענטאַלע מענטשלעכע באַדערפעניש.

כאָטש סומער האַלט, אַז מיר מוזן זיך אָפּזאָגן פון דער ריינער עסטעטיק, זאָגט ער אָבער אויך אין זיין עסיי וועגן ריוווקין: „ווען דער קינסטלער פאָלגט אויס דאָס געזעץ פון דרויסן ווערט ער עבודה־זרהדיק" (ז. 71). זיינען מיר ניט זיכער וואָס אייגנטלעך דער ׳דרויסן׳ באַטייט. דאָך, איז דער עצם געדאַנק מרמז, אַז דעם קינסטלערס שאַפן ווירקט לויט אייגענע אינערלעכע געזעצן.

אין עצם האָט מאָראַל טאַקע אַ שייכות צו קונסט, אָבער אַן אומדירעקטע שייכות. ווען דער קינסטלער ווערט אַ מאָראַליסט טרעט

ער אַרויס פון דעם רעאַלם פון פרייען שאַפן און נעמט אויף זיך די נויטווענדיקייט סותר צו זיין בייז און שלעכטס; ווייל מאָראַל טראָגט אויף איר פּאָן דעם אַבסאָלוטן ׳לאו׳. דעם קינסטלערס עובדה לגבי בייז און שלעכטס איז אַוודאי ניט כדי דאָס צו גלאָריפיצירן, נאָר דערמעגלעכן מיר זאָלן דאָס קאָנען אויפנעמען אָן גרויל, עקל אָדער מורא. ער שאַפט די באַדינגונגען אין וועלכער מיר ווערן אָנטייל־נעמער אין זיינע מעדיטאַציעס און באַטראַכטונגען, אָבער דער קינסט־לער גופא צווינגט ניט אַרויף אויף אונז, ווי אַזוי מיר זאָלן מאָראַליש אורטיילן. ער מאָראַליזירט ניט, ווייל דאָס איז ניט זיין געביט. זיין אוממיטלבאַרער ציל איז אַרויסצורופן אין אונזער באַוואוסטזיין אַ הנאהדיקע סענסאַציע. דערפאַר קאָנען מיר זיין אָביעקטיוו אין דעם ׳מה־נאה׳ אַפילו אין אַ צערדיקער שילדערונג. דעם קינסטלערס אויג איז קאָנצענטרירט אויף די אומפאַרמיידלעכע תמציתן וואָס וויקלען זיך אויס פאַר אונז פון כאַראַקטערן און סיטואַציעס. זיין כוונה איז אַפילו ניט אַוועקצושטעלן פאַר אונז די ברירה צווישן גוטס און שלעכטס. די מאָראַלישע שליחות וואָס איז פאַרקערפּערט אין זיין ווערק דערגייט צו אונז דרך־אגב. אָבער וואָס עכטער עס איז די קינסטלערישקייט אַלץ אוניווערסאַלער איז דער מאָראַלישער מהות פון דעם ווערק. פאַרקערט, ווען דער קינסטלער מאָראַליזירט ווערט זיין שאַפן צוגעפּאַסט צו אַ געוויסער אידעאָלאָגיע, צו דער אידייע פון אַ באַשטימטן שולחן־ערוך. נחום סומערס ׳יידישע מאָראַלישע איינציקאַרטיקייט׳ איז אין דעם פאַל ניט קיין אויסנאַם, עס איז אַ סדום־בעט־מעטאָד מיט וואָס עס ווערט ניט געשאַפן קונסט נאָר פּראָ־פּאַגאַנדע. פון דעם איז דוכט זיך געדרונגען אַז דער קינסטלער פאַרנעמט ניט קיין צד, נאָר שטייט איבער צדדים.

לייענענדיק דאָס בוך „מענטש און וואָרט" פילט מען אין דעם אויטאָר אַ מענטש אַ מתמיד אָבער ניט שטענדיק מקפיד. ער איז זייער באַשיידן, זוכט ער פשרה און מיידט אויס סתירה. אָבער זוכנדיק אויסצומיידן, פאַרטשעפּעט ער זיך אין סתירה. איינע פון די, איז כדאי צו באַמערקן אין שייכות מיט זיין עסיי וועגן ניטשען.

ער זאָגט: „ניטשע איז געווען אַ געניאַלער סטיליסט — דעריבער איז ער פון היסטאָרישן פּערספּעקטיוו — שעדלעכער דעסטרוקטיווער, ווייל זיינע פּאָעטישע דיפיראַמבן פאַרמאָגן דעם עלעמענט פון דויערנדיקן ווערט, פון רעלאַטיווער אייביקייט"... און אין זעלבן אָטעם זאָגט ער אויך: „ניטשעס שאַרף־בייסנדיקע, דינאַמיש־אויפרייסנדיקע געדאַנקען און באַטראַכטונגען דינען ווי אַ שלייף־שטיין פאַרן געדאַנק" (ז. 13). די רעטעניש פון זיין איינצייטיק דעסטרוקטיוו און שלייף שטיין פאַרן געדאַנק, איז באמת שווער תופס צו זיין; סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אַז סומער מיינט אַ שלייף־שטיין פאַרן דעסטרוקטיוון געדאַנק. גלויבט טאַקע סומער, אויב אַזוי, אַז ניטשעס שלייף־שטיין פאַרן דעסטרוקטיוון געדאַנק פאַרמאָגט דעם עלעמענט פון 'דויערנדיקן ווערט און רעלאַטיווער אייביקייט'? בכלל פרעגט זיך ווי אַזוי קאָן מען דאָס אָפּשפּאַלטן דעם „וואָס מען זאָגט" פון דעם „ווי אַזוי מען זאָגט"?

כאָטש מאָראַל און עסטעטיק זיינען צוויי געביטן פון מענטשלעכן גייסט, פלעכטן זיי זיך אָבער דורך איינע אין דער אַנדערער. פּונקט ווי קונסט ווערט דערהויבן צו אוניווערסאַלקייט דורך דעם מאָראַלישן תמצית וואָס איז אין איר פאַרקערפּערט, אַזוי ווערן מאָראַלישע באַגריפן דערהויבן צו חשיבות און תמציתדיקן ווערט ווען זיי באַפרידיקן אונזערע פּרימיטיווע און קולטיווירטע געפילן פאַר שיינקייט. דער מאָראַלישער באַגריף פון אחדות געפינט אַזאַ אויסדרוק, למשל אין פאָלק־טענץ און פאָלק געזאַנג. דערפאַר זאָגן מיר, אַז די רייד פון די נביאים זיינען ניט בלויז מאָראַליש נאָר פאַרמאָגן דעם „דויערנדיקן ווערט" פון שיינקייט. דער וואָס שאַפט אויף דעם געביט פון עטיק און מאָראַל אָדער וועלכן עס איז אַנדער געביט פון ראַציאָנעלער הסברה דאַרף, לויט מיין מיינונג, זיין דורכגעדרונגען מיט דעם ריינעם עסטעטישן געפיל פאַר אידעאַלער שיינקייט און האַרמאָניע, כדי צו דערהייבן די מאָראַל־עטישע ווערטן צו אוניווערסאַלקייט.

אין דער רשימה פון מענטשן אין דעם בוך „מענטש און וואָרט"

גייען אַריין אַזעלכע וויכטיקע פערזענלעכקייטן ווי מאַקס נאָרדוי, ניטשע, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, א. קאַראַלניק, א. ליעסין, חיים גרינבערג, ב. ריוואַקין, אבא גאָרדין, א. אַלמי, משה נאַדיר, וויליאַם נאַטאַנסאָן און קלמן מרמר.

נחום סומער איז אין עלטער און אַוודאי אין גייסט זייער יונג. אויף זיין חשבון האָט ער שוין אַ צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער איבער וויכטיקע יידישע פערזענלעכקייטן. זיין בוך „מענטש און וואָרט״ איז אַ באַשיידענער ביישטייער פון אַ וויכטיקן יידישן ליטעראַט וואָס האָט פיינט ווען —

„שטיינער ווערן געוואָרפן פון מענטשן מיט באַשטימטע פּניות,
מיט פאַראורטיילן און פערזענלעכע חשבונות״
(איבער ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ז. 32)

ער האָט פיינט בתכלית השנאה דעם פּנימלאָזן קאָסמאָפּאָליטיזם. זיין 'אתה בחרתנו' באַגריף איז אין גרונט ניט פון דעם שאָוויניסטישן קאָליר. כאָטש ער זאָגט, אַז מיר יידן זיינען דער גר־לגוים איז אָבער זיין אויג געווענדט מיט ליבע צו אונזער אייגענעם קולטור־גאָרטן. ווי אַ געטרייער היטער זיינען פאַר אים די יידישע פאָלקס־אוצרות און טראַדיציע דער ברונעם פון וואַנען ער שעפּט דעם מים־חיים, אַז דער יידישער גאָרטן זאָל וואַקסן און בליען.

1958

רעש אין שטילער תפילה

(וועגן ש. סימכאָוויטשעס בוך לידער „אין שעה פון תפילה״)

ש. סימכאָוויטשעס תפילה איז בין מנחה למעריבדיק. ער בלאָנ־קעט אַרום אין דער צע׳רעש׳טער וועלט מיט אויגן שטאַרע און קאָן זיך נישט געפינען. ער זוכט זיך אין אויגן פון קליינע קינדער און איז מתפלל צום ליכט, וואָס איז פאַרשוואַרצט געוואָרן אין רויך פון קרעמאַטאָריעס. וואָס מער ער זוכט, אַלץ ווייטער ווערט דער שטח צווישן אים און זיין וועלט; ער איז אַזוי ווייט ווי עס איז זיין פאַרטיליקטע היים אין דער שחיטה. — ער ווערט פאַר זיך גופא אַ פינטל די גרויס.

פאַר זיך איז ער אַליין נישט דער עיקר; ער זוכט דאָס ליכט פון געטלעכן וואונדער, צו וועלכן ער איז זוכה מתפלל צו זיין. זיינען אָט־די לידער דערפאַר אַ תפילהדיקע מורמלעניש צווישן איינגעפאַלענע ווענט. און דאָס גרויסע וואונדער איז די זכיה צו דערזען ליכט אַפילו צווישן איינגעפאַלענע ווענט.

אין תפילה איז דאָ אויפגאַנג און ווידעראויפשטעל פון צעבראָכנ־קייט צו גאַנצקייט; אַ התגלות פון אַ פנימיותדיקן יש אין אחדות מיט אַ פלוצים ליכט פון דרויסנדיקער שלימות. מיט אַ לויטערקייט און יראת הכבוד פאַר זיין תפילהדיק ליד, זאָגט ער:

„זאָל נישט דער האַס און די פיין פאַרקרומען
און טריפן מיט סם אין דעם טוי פון דיין ליד״. (ז. 38)

קלאַמערט ער זיך אין ליכט־רגעס איבער אָפגרונטן און שטאַרט אין דער ווייטקייט נאָך טרייסט און היילונג. זיין קלאַמערן זיך אין די ליכט־רגעס איז פול מיט פחד נישט אָפגעשפליטערט צו ווערן אין

דער נאַכטיקער אייביקייט אַריין. — און „עס האָט אויפגעלויכטן, ווי אַ בליץ פאַר מיר, אַ ליכט־רגע פון היילונג״ (ז. 31).

די געטלעכקייט איז נישט נאָר אין דער עקזיסטענץ פון יחידות־דיקן לעבן, נאָר אויך אין דער טראַנספאָרמאַציע מעפר לאפר, וואו אַלע סימנים און קענצייכנס פון יעדן נשמת חי ווערן אָפּגעווישט און רעדוצירט צו שטויב. די געטלעכקייט איז ניט אין קיין גרענעצן אָדער אין וועלכע עס איז מחיצות, נאָר אינעם אַבסאָלוטן אַלץ.

אָבער דאָך, ווען מיר ווערן נתפעל פונעם געטלעכן נר־תמיד, איז אונזער שבח נישט פאַר אויפלייז, נאָר פאַרן אויפהאַלט פון יחידי־שער גאַנצקייט. אין אונזער התלהבותדיקן באַגער נאָך אָט־דעם אויפ־האַלט, חלומען מיר אַריין נישט נאָר פיניטיווע אַטריבוטן אינעם אינפיניטיוו, נאָר אויך אַ לעבעדיקע שלימות פאַר זיך נאָכן טויט. אין דער ליידנשאַפטלעכקייט פאַר קיום פון יחידישער גאַנצקייט זיינען מיר דעריבער מורד קעגן דעם געטלעכן גזר פון צעפאַלונג.

קעגן דער צעפאַלונג פון יחידותדיקער שלימות נאָך בײַם לעבן, זאָגט דער דיכטער:

„כ׳בין שוין אַריבער אַלע ברעגן
פון עלנט און פון טרויער און פון האַס.

עס זיינען אָפּגעשווענקט געוואָרן מיינע פליגל
און איינגעפאַלן ליגן מיינע וועלטן;
אויף מיינע מידע ברענענדיקע שלייפן
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָטס גזר.

אין בין אַנטרונען, און אַנטרונענדיק געשלייכט
ביי אָפּגרונטן משופּעדיקע קרומע.
איך האָב אין זיי אַריינגעבליקט און ס׳האָט געפינצטערט
מיין וועזן ווי אַ שפּיגל אין דער ׳נאַכט״. (ז. 43)

און ער „ברומט מיט לייב און בלוט אַנטקעגן גאָט״ (דאָרטן), ווייל אונזער גאַנג צו דער אייביקייט איז אַ גאַנג, וואָס איז סותר

דעם עווענטועלן סוף, וואָס טראַנספאָרמירט און איז משנה. אונזער גאַנג איז אַ גאַנג פון מרידה און באַהויפּטן פון דער געטלעכקייט אײנציייטיק. אין דער קעגנערשאַפט גופא באַווייזט דער מענטש זיין טיפע קנאה אינעם וואונדער פון אייביקן זיין.

אינעם געראַנגל צווישן ליכט און פינצטערניש, צווישן פאַרגיין און אויפגיין, קלאַמערט ער זיך אין די ליכט־רגעס און שטרעבט אַן זיינע שוואַכע כוחות זיי צו פאַרהאַלטן. טוט דער דיכטער תפילה פאַרן טראָפּעלע יש אין אַ וועלט, וואו דער מענטש גופא טוט זיך מיט פאַרלענדלעכסטן כוח אַליין צעשטויבן. אפילו דאָ צעשטראַלט זיך זיין בטחון פאַר זון און היילונג און זיינע אויגן עפענען זיך צום „גאָט פונעם קראַנקן זיין" ווי „קוואַלן פאַרבאָרגענע מיט ריינסטע טרערן" (דאָרטן).

ש. סימכאָוויטש בייזערט זיך נישט און ער שעלט ניט די וואָס טראָגן אויף זיך אַזוי פיל שולד אָן געוויסן, אָן חשבון הנפש, אָן חרטה און אָן תשובה. ער וויינט אין דער נאַכט אַריין אַ פאַריתומט שטיל געווייַן, וואו ער שטייט אַ נאַקעטער פון אַלץ באַרויבט (ז. 26).

און צו וויינען איז דאָך דאָ איבער דער וועלטס אָנגעוואַקסענער האַרטער קאָרע פון עם־הארצות און עגאָטיזם; איבער אַ וועלט וואָס ליאַרעמט און קאָכט מיט פרישן האַס, וואו אַלץ קאָן אין רגעס פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ קרעמאַטאָריע פאַרן גאַנצן מענטשן־מין וכל המינים בה. אָט־דאָ בלאָנקעט ער אַרום און טוט תפילה:

„גיב רו מיר, אַ גאָט! איז מיין זעל;
גיב רו!! פאַרקוילט פון יסורים
צעשמעטערט פון שטורעם איז מיין האַרץ".

(ז. 28)

טוט ער מתפלל זיין צו אַ ליכטיקייט, וואָס איז פאַרשפאַרט הינטער הרי חושך; צו אַ ליכט, באַהאַלטן הינטער געדיכטע וואָלקנס פון קרעמאַטאָריעס. אָבער באַוואָפנט מיט באַיאָונג און בטחון, פרו־

בירט ער אַריבערשפּרייזן די הרי חושך, זיינען די אברים שוואַך און דאָס לשון שטיל און בלייך ווי דאָס אָפּגעצערטע פּנים פון זיין פאָלק. בלאָנקען מיר מיט אים אינעם שאָטן פון גרויסן צער, ווען אַפילו די אַזוי געררופּענע באַזינטע און פרייע וועלט האָט שלאָס און ריגל פאַר־האַקט פאַר די פּליטים פון דער מאָרד־מגפה.

רעדט די צונג פון אַ געשאַכטן פאָלק אין זיינע שטילע שורות:

„שוויגן יידן און זיי שאָקלען מיט די בערד
און זייערע פּנימער — שוואַרץ ווי ערד,
אין חרובער פאַרוויסטער שטאָט
אַ מנין יידן זיצן אין אַ ראָד". (ז. 52)

אַ מנין יידן זיצן אין אַ ראָד. חזרט זיך איבער די לעצטע שורה אָן אויפהער און דאָס ראָד פונעם מנין יידן דרייט זיך און דרייט זיך אַריין אין אַן אייביק שוויגעניש.

דורך אַזאַ שוויגן הערן מיר מיליאָניקע קולות. דאָס איז אַ מין שוויגן וואָס צע׳רעש׳ט אין דער טיף די שטילסטע תפילה.

פון אַ וועלט, וואָס איז אָנגעגורט מיט שטאָל און האַס, שפּאַנט ער אַוועק אויף אוראַלטע זאַמדן און פרעגט די אוראַלטע קשיא: „פאַרוואָס צערנט און פייניקט איין פאָלק דאָס אַנדערע?" — לייט ער ביי גאָט אַ רגע ליכט, איז דאָס ליכט קאַלט און ווייעט מיט ווייטקייט, „עס איז גרויזאַם ליכטיק".

ער וויל זיך אומקערן צו שחרית, וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך דעם קלעם־מאַנטל פונעם ווילד נעוראַסטעניש שטאָטישן געבראַזג און יאַרידישן טומל; ער קערט זיך אָפּ פונעם באַוועג, וואָס שפּאַרט פון די האַלאַבליעס און וואָס קאָן זיך מיטן פאַרטויבנדיק אָנגעפּלאָדיעטן כוח קיין עצה נישט געבן, — און „איך פּליסטער שטיל אַריין אין אַ ספר" (ז. 40).

זיינע לידער אָטעמען מיט אַ פרישקייט ווי פון נישט פאַנאַנדער־געעפנטע קנאָספּן; מיט אַ רייפקייט וואָס דאַרף ערשט קומען.

כאָטש עס ליגן אַרום אים זיינע איינגעפאַלענע וועלטן און טראָץ די אָפּגרונטן משופּעדיקע, קרומע, געפינט ער טרייסט אין אַ השגחה עליונה. ער איז זיך משמח מיט אַבסאָלוטע אור־סיבות, אַפילו ווען איבער די פועל־יוצאס בראַדיעט שרעק און שנאה.

דעם גרעסטן וואונדער זעט ער אין אויגן ליכטיקע פון קליינע קינדער; אינעם חלום פון זייערע אויגן זעט ער שחריתדיקע באַניי־אונג. אין דער גרעסטער ביטערניש געפינט ער טראָפּנס זיסקייט. אין תוך איז אין אים דאָ אַ רעליגיעזער באַגער צו רעסטאַוורירן דאָס יסודותדיק מענטשלעכע אינעם מענטש; דורך תפילה דערגיין צום יסוד פון מאָראַל־עטישע ווערטן, וואָס זיינען פאַרמיסטיקט געוואָרן אין אונזער טראַגיש־צעטומלטער וועלט.

אין אַ שקיעה אַ צעפלאַמטער, אין חרפּה פון מענטשנס ביזיון׳דיקע מעשים, הייבט ער אויף זיינע אויגן און זאָגט:

„נאָך אַלע טעג און נעכט פון אַנגסט און שרעק
דערהייב איך ווידער שטאָלץ מיין נאָמען: ייד.
איך שטיי ביים ראַנד פון דיין טויזנטיאָריקן וואַנדערוועג
און קוש דעם שטויב פון דיינע בלוטנדיקע טריט.
און מיינע ליפּן פליסטערן אויפסניי:
עם ישראל חי! עם ישראל חי!"

◆

לוי גאָלדבערג

(פּראָפיל, אין שייכות מיט זיין בוך „ניגון אין ווינט״)

ביי לוי גאָלדבערג זיינען די לידער מיט באַלעבאַטישן פּאַרזיכט פיין אויפגעראַמט. עס זיינען ביי אים אַלע קנעפּ פאַרשפּיליעט אין געהעריקן סדר, — אַ סימן פון שיינע מאַניערלעכקייט. געוויינלעך קוקט ער אַריין צו זיך שטייענדיק אין דרויסן, כדי נישט ווערן צו היימיש מיט זיך גופא. — און כדי נישט אַריינצופאַלן אין התפעלות מיידט ער אויס רעש און געראודער. ער איז אָבער הויפּטזעכלעך באַזאָרגט וועגן וועלט־תכלית.

„מיך ציט צו דעם פייער, ווייל פייער איז שם,
מיט וואָרט צו באַזינגען דעם מענטש אין זיין קלעם״. (ז. 61)

זיין וואָרט פאַרמאָגט אַן אינעווייניקסטע צערטלעכקייט. ער צייכנט אין פיין־דינע ניואַנסן, וואָס ער זעט, שטייענדיק אין זיין איינזאַמען דרויסן. רוקט ער פאַנאַנדער פענצטערלעך און פאַרהאַנגלעך איבער לאַנדשאַפטן און ווי אַ גוטמוטיקער מכניס־אורח פאַרבעט ער אונז צוזאַמען מיט אים די וועלט צו באַטראַכטן. אויף זיין אייגנאַרטיקן פּאָעטישן נוסח פירט ער אונז דאָ אין דער פרעמד, וואו —

„אַפילו אונזער טראָט
איז דאָ נאָכגעמאַכט מיט מאַלפעשע האַוואַיעס.
און ווען אַפילו ברויט איז דאָ, בלייבט די פרעמדע שטאָט
אַ דורכפאָר־וועג פאַר אונזערע לויות״. (ז. 1)

תמימות און עניוות, — עכט יידישער דרך־ארץ פאַרן למדן איז זיין יחוס, ביי וועמען גאווה איז דאָס אייגענע ווי געצנדינערײַ:

„דאָס ליכט פון מיין טאַטנס לעבן איז געווען ר׳ יצחק דארסקי
אַ ייד אַ ירא שמים און אַ טיפער לערנער״. (ז. 11)

דער גרעסטער רעש גייט ביי אים איבער אין געצאַמטער שטילקייט. דווקא דורכן לירישן קול־דממה דקה אַנטפּלעקן זיך פיין דורכגעפילטע שטימונגען בנוגע דער וועלטס קאַפּריזנע נאַרישקייטן, קלוגשאַפטן און אומזין. דעם גרעסטן טרויער גיט ער איבער אין שטיל געוויין אָן טרערן און אין גראַציעז פיין אויסגעשניצטן פערז. זיינע טיפן און כלערליי יאַרידן זיינען געמאָלן אין בלאַסע בין־השמשות פאַרבן. דער קאָלאָריט פון האַלב־טונקלקייט איז ביי אים אַפילו דאַן ווען ער מאָלט אויס אַ זוניקן פרילינג־פרימאָרגן, ווי ס׳איז למשל אין זיין פּאָעמע „דאָס געפינס” (ז. 18). די שורות אָטעמען מיט אַ לויטערקייט און שטעקן אָן דעם לייענער מיט אַ רואיקער געמיטלעכקייט. זיינע רעבעלירנדיקע עמאָציעס וואָס רייסן זיך צו פּראָטעסט צאַמט ער מיט פרומער איינגעהאַלטנקייט און עסטעטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דער אַליין־זיין און צוזאַמען־זיין איז ביי דעם דיכטער כסדר אין קאָנפליקט. מיר דאַכט, אַז צוליב דער אינערלעכער סתירה ווערן זיינע אויבערטענער אָפּגעטעמפּט, ווי ער וואָלט בכיוון צוריקגעהאַלטן זיין געזאַנג פריי צו ווייבריִרן; באַקומט זיך צייטנווייז אַן אויבער־פלעכלעכער איינדרוק פון מאָנאָטאָנקייט.

זאָגט ער וועגן זיך:

„ווייס איך ניט, צי גאָט האָט מיך אָנגעצונדן,
אַז איך זאָל אין דער טונקל ברענען,
ווי אַ יאָרצייט־ליכט אין טרויער, בסוד־סודות” —

לוי גאָלדבערג איז נישט קיין מאָנער און נישט קיין קלאָגער. זיין פּאָעטיש שאַפן טראָגט ער ווי אַ מתנה פון הימל מיט יראת הכבוד און שטוינט אין וואונדער איבער דער אייגענער פּאָעטישער התגלות.

◆

י. ה. ראַדאָשיצקי

(וועגן זיין בוך לידער „ווען בלעטער פאַלן")

י. ה. ראַדאָשיצקי האָט אין זיין יוגנט פון דער נאָענט איינגעזאַפּט אין זיך י. ל. פּרצס געבענטשט געזאַנג פאַר שבת. דער ניגון „שבת זאָל זיין!" זינגט דערפאַר אַרויס פון זיינע לידער אין דעם בוך. זאָגט ער ווען ער קוקט אויף פּרצס פּאָרטרעט:

„איך קוק אין זיינע גרויסע אויגן, פול מיט טרוימען —
לעבט־אויף מיין אַמאָל צוריק, טויכט־אויף אַ ריינע וועלט,
מיט יידן גלויביקע, בטחונדיקע, פון משיח־ליכט באַהעלט!
ווען יעדער טאָג און יעדע שעה קייטלט זיך אין אַ וואונדער־קייט,
מיט גלויבן לויטערן וואָס פלאַטערן אין די רוימען!" (ז. 35)

— — — — — — — — — — —

פון אָט־דעם „אַמאָל" האָט דער דיכטער גע'ירש'נט אַ פּרציאַנישן ניגון וואָס פורעמט זיין חזיון אין ליד. אַ שירה וואָס איז געטובלט אין יום־טובדיקייט. אויך ראַדאָשיצקי קאָן ניט און וויל ניט מאַכן קיין הבדלה. להבדיל שבת מחול איז פאַר אים פּונקט ווי להבדיל חיים ממוות. ראַנגלט ער זיך מיט דער הבדלה און רופט אויס נצחונדיק:

„זינג, זינג מענטש;
אין געזאַנג לעבט בטחון,
אין געזאַנג לעבט די פרייד —
לעבט גאָט!" (ז. 61)

מיט פּאָעטישן נחת און פּאַסטאָראַליש געמיט באַוואונדערט ער די ערד, ווען עס „צעבליט איר יום־טוב ליד". דעם אייביקן שבת געפינט ער אין די „כוואַליעס געשניטענע פון גאָלד און פייערן" — און וועלטס אַנטפּלעקטע פּראַכט. אין דער יום־טובדיקייט זעט ער ווי „די זון הענגט גליענדיק און די הימלען קוועלן". ער חלומט צוזאַמען

מיט בוים און וואַלד און פון „יעדער פלאַנץ וואָס זינגט צו די הימלען אַרויף". אַלץ, אַלץ זינגט אַ שטומען לויב. — זינגט ער נוסח חסידיש, זיין כולו שבת.

לייענענדיק זיינע לידער אין „ווען בלעטער פאַלן" פילט מען אַ ניט־פאַרענדיקטקייט נאָך כמעט יעדן ליד, ווי ער וואָלט בכיוון אָנגעהאַלטן אַ שטומע המשכ׳דיקייט און מיט אַ געוויסער עקשנות ניט וועלן איבערגיין לחול.

פון זיין „צעבליטער" שבת־שירה וואָס איז אַזוי רעגנבויגנדיק באַשטראַלט גייט ער איבער צו טרויער און בענקשאַפט. סע פאַלן בלעטער און פון זיין שבתדיקן „שמחתנו בפעלך, במעשי ידיך ארנן" זינגט אַרויס זיין יחידיש און איינזאַמער רוף: —

מיר איז אומעטיק!

„גאָט! מיר איז אומעטיק. ס׳איז שקיעה־צייט.
די זון פאַרגייט, דער מערב־זוים ברענט.
איך שטיי אין פעלד, — אַ זייל פון צער,
מיין פנים איז צו דער שקיעה געווענדט.

— — — — — — — — — — —

גאָט! איך זע דאָך און איך פיל:
שוין לעשן זיך די הימלען אויס, גרוי פאַרקלערט,
אַלץ אַרום שלאָפט־איין אויף דער ערד,
אַלץ בלייבט שטיל —
מיר איז אַזוי אומעטיק, מיין גאָט!" (ז. 91)

— — — — — — — — — — —

אין דעם „מיר איז אַזוי אומעטיק", ווערן מיר פלוצים דורכגענומען מיט הייליקער שטילקייט. עס שטייט דער משורר אייניקער אַליין מיט האַרץ צו גאָט געווענדט. זיין אומעט איז עכט און פנימיותדיק ווי עכט סע איז זיין שבתדיקע פרייד. אָבער אין דעם בין־השמשותדיק געמיט הערט זיך זיין בענקשאַפט־ניגון נאָך דער שבת־דיקער פראַכט, וואָס ווערט קיינמאָל ניט פאַרלאָשן.

◆

אַ נר־תמיד פאַר משה נאַדיר (1943־1885)

„מודה אַני״, לידער און פּראָזע, 1943־1936, פאַרלאַג „נאַראַיעוו״, ניו־יאָרק, 1944, מיט פאָרוואָרט פון ל. פיינבערג

אין „מודה אני״, וואָס איז דערשינען נאָך זיין טויט, איז משה נאַדיר זיך מתודה אין מעדיטירטער שטילקייט איבער זיינע חטאת־נעורים מיט אַ טיף רירנדיקע אויפריכטיקייט. ער באַווייזט, אַז זיין תוך איז געווען אַ שטרעבן נאָך אַ האַרמאָנישער אחדות פון אמת און שיינקייט; כאָטש ער איז כסדר געשטרויכלט געוואָרן אין אַ סתירה צו דער האַרמאָניע.

„האָב איך אַ האַרץ אָנגעצייכנט —
אויף דרויסנזייט פון מיין האַרץ
און עס געלאָזט בלוטן אין בלומיקע טופּלען״. (ז. 60)

אָבער אָן דער לאַף־מאַסקע רעדט דאָ נאַדיר:

„האָב איך מיך געפּוצט אין גאָלדשוים פון ווערטער,
זיך געצויגן אויפן סדום־בעט פון גלאָריע״. (דאָרטן)

אין „מיין פּאַספּאָרט״ (ז. 23) וואָס דינט אגב ווי אַ פאָרוואָרט צו דעם בוך לידער דעפינירט נאַדיר זיין טעזיס פון אמת: „דער יאָדער פון אַבסטראַקטן אמת איז איינגעוויקלט אין אַ שאָלעכץ, וואָס הייסט מענטש, טוסטו אויס דעם אמת פון דער שאָלעכץ — ברענגסטו אום ביידע זאַכן: דעם אמת און דעם מענטש״ (ז. 35). אָבער ער גופא גיט־צו, אַז ער האָט געזינדיקט קעגן אָט־דעם מאַקסים: „מיינע שונאים (ווי מיינע פריינט) זיינען מיר ניט גרינג אָנגעקומען — מיינט ניט. איך האָב שווער געאַרבעט אויף זיי״.

אין דער „הייליקער מלחמה״ וואָס איך האָב געפירט פאַר אַ

„בעסערער מענטשהייט", האָב איך אָפט ביטער געזינדיקט קעגן דעם איינציקן מענטשן.

פאַרגיט מיר, איך בעט אייך, אויב איר קאָנט. איך פאַרזיכער אייך, אַז די בייטש, וואָס האָט איך געשלאָגן האָט זיך אַליין מער שאָדן געטאָן ווי אייך" (ז. 24).

משה נאַדיר האָט געהאַט אַן אינסטינקטיוון באַגער פאַר מאַראַ־לישע און עטישע ווערטן. ער זאָגט אַז ער איז „געבוירן אין אַ משפחה פון גאָט־זוכער" (ז. 25); אָבער צוליב זיין אייגנאַרטיקן טעמפּעראַמענט וואָס האָט „בריליאַנטירט (ווי) דער פלאַמשטראָם" (ז. 43) איז ער מיטגעריסן געוואָרן פון אַבסטראַקטע „אמתן", וואו מען האָט אָפּגעוואָרפן דעם מענטש־ווערט. און אַן אַנטוישטער און צעווייטיקטער האָט ער צום סוף אַרומגעבלאָנדזשעט אין דעם פּאַראַד פון אַבסטראַקטע אמתן, וואָס האָבן ניט געקאָנט און קאָנען קיין תיקון ניט געפינען צוליב דער מחיצה צווישן זיך און דער חשיבות פון דעם איינציקן מענטשן. פון דער „הייליקער מלחמה" איז פאַר זיינע אויגן אויסגעוואַקסן דער תהום און סתירה צווישן די פּראָקלאַ־מירטע וואויל־קלינגענדיקע אמתן און דאָס קאָנקרעטע לעבן פון דעם יחיד. און אין זיין יאוש זאָגט ער: „דער טויט און די נאַכט באַליגן דעם זין פון די זוניקסטע רייד (ז. 127) און איצט איז —

„— — — די ליפּ
פריי פאַר לעצטן תהילים־שיר,
זי לאַכט מיט זינגענדיקן כליפּ
פון טויט אַליין וואָס לאַכט אין מיר"... (ז. 41)

אַזוי האָט משה נאַדיר געזונגען כמעט אַ יאָר פאַר זיין טויט.

נאַדירס סאַטירע איז ווי אַ שמייכל מיט פאַרביסענע ליפּן. מען קאָן זעלטן ביי אים געפינען אַ שבתדיקן נחת־רוח וואָס קומט פון אַ באַהעפטן־זיך מיט דער וועלט. זיין סותר־זיין סתירהדיקע דערשיי־נונגען, נעמט אָן אַ שמייכל, וואו עס איז „ביטער די ליפּ אויסגע־

קרימט" (ז. 58). זיינע שורות, טראָגן מיט זיך אַן איינגעצאַמטקייט ווי פון אַן אונטערערדיש רוישן און מיט אַ אינעווייניקסטער געשפּאַנטער קראַפט, וואָס פאָדערן תיכפדיקייט; ווייל ווי —

„די הינט צערייצטע
שרייען מיינע שורות
און דער עק פאַרקלעמט איז,
צווישן ציין ביי זיי". (ז. 63)

משה נאַדיר איז אין עצם דער לײדנשאַפטלעכער איקאָנאָקלאַסט; ווייל אין גרונט טראָגט ער אַ האַס צו „אמתן" וואָס שפּאַרן זיך אַן אויף דער טשערעדע־פּסיכיק. און „מודה אני" איז דער חשבון־הנפש פון אַן אָריגינעלן וואָרט־קינסטלער וואָס איז אַרויס פון דעם וועלט־יאַריד מיט —

„יסורימס געוויסערס
ביז איבערן מויל — פאַרפלייצט" (ז. 53)
— — — — — — — — — —

אָדער
„איצט טאַפּ איך די וועלט — מיין וואונד די גרויסע
איך פיל שוין גאָרניט — עס טוט שוין ניט וויי" (ז. 184)
— — — — — — — — — —

און זיין קערנדיקער אמת איז, אַז צוליב דעם וואַלד איז דאָס אויג בלינד לגבי דיביימער; רופט ער דערפאַר:
„דינען מיט זעלבסט דעם זעלבסטפולן גאָט
און נאָכגיין די שפּורן פון אייגענעם טראָט" (ז. 46).

פאַר אים איז די חשיבות פון יחיד דער תמצית; ווייל אַנדערש איז דער מענטשלעכער פרייהייט־באַגריף פיקטיוו און זינלאָז. ווען דער כלל פאַרשלינגט דעם פרט, זיינען די „פרייהייט־פּרינציפּן" פאַר

פאָלק אָדער קלאַס זיך זעלבסט סותר; ווייל די השגה פון אַן אַבס־טראַקטן כלל אָן דער חשיבות פון יחיד, דערפירט צו פאַרנישטיקן דעם עצם יסוד פון דעם כלל. — עס האָט דערפירט צו אַ שאָקירנ־דיקער גייסטיקער פלאַכקייט און צו דער צעשטערונג פון דער גייסטיקער שעפערישקייט אין דעם יחיד. „דינען מיט זעלבסט דעם זעלבסטפולן גאָט" איז אַן אינטעלעקטועלע תפיסה פון דעם כלל דורך יחידישער זעלבסט־דערקענטעניש. דאָס איז ניט אַ קער־טאָן אין זיך, נאָר אַ פון־זיך צו דעם כלל. דער עכטער פרייהייט־פרינציפּ, מיינט אחריות צו דעם כלל דורך אויפהייבן די חשיבות פון דעם יחיד; אַנדערש ווערן „פאָלק" און „קלאַס" אַבסטראַקטע „הייליקע" קאַטעגאָריעס און זייער באַדייט איז נעגאַטיוו און דעסטרוקטיוו.

„ס'רינט האָניק די רייד" וועגן פרייהייט „און בלוט רינט דאָרט אויך; דער יום־טוב טראָגט פּאָנעם ביי מיר אין מוח" (ז. 137). אויסגעהוילטע רעטאָריק, האַלט דער דיכטער, דינט ווי אַ מאַגנעטי־שער כוח פאַר „דאָס שעפּסעשע געבלעקעכץ" ——— צו דעקן דעם געשריי פון שעכטהויז דאָ ניט ווייט" (ז. 128).

די דיאַלעקטיק פון דעם כלל־יחיד באַגריף ווערט פון משה נאַדיר אויפגעפּאַסט לויט דער סאָקראַטישער מימרא: „דערקאָן זיך אַליין". — ווייל מקריב זיין חשיבות און אינטעגריטעט פון דעם יחיד אויף דער עקידה פון דעם כלל פירט צו געצנדינערײ. און אַזאַ עבודה־זרהדיקער גאָט — זאָגט ער — „איז געלעגן אין מאַרמעלנעם מאַזאָליי, אויפן רויטן סקווער אין מאָסקווע" (ז. 32) און דאָס איז בפועל־ממש אַ פאַרלייקענען פון כלל־אינטערעסן דורך מענטש־לעכטערונג.

„ס'זיינען געטער געווען אין צוויטן, ווי שניי, —
איז אַ גרוילעכער שוואַרץ געוואָרן פון זיי" (ז. 49).

דער זין פון זיינע ווערטער טראָגט זיך איבער צו אונזערע טעג מיט דעם כוח פון חזיון; ווען אין דעם לאַנד פון „קאָלעקטיוויזם"

און „היסטאָרישן דעטערמיניזם" האָט מען קאָנפיסקירט די יידישע צונג לגמרי, — און אויס...

דער טראַגעדיע־באַגריף ווערט געוויינלעך אַסאָציאירט מיט טויט; אָבער ניט טויט, נאָר דער צושטאַנד פון שטאַרבן, — נאָכמער, ווען אַ יחיד אָדער אַ פאָלק צאַפּלט זיך אויף דער עקידה; דאָס איז דער עצם־מאָטיוו פאַר טראַגעדיע. „פרייהייט פּרינציפּן" ווערן אַטעס־טירט אין דעם געראַנגל פאַר קיום פון יחידישע און נאַציאָנאַלע ווערטן קעגן די כוחות פון דעפּאַרמאַציע. דאָס געוואַלטזאַמע אומ־ברענגען פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אייגנאַרטיקייט, אָדער דאָס גלאַ־ריפיצירן פון געזעלשאַפטלעכע „שמעלץ־טאָפּ" איינפאָרמיקייט, איז דער געפאַר־סיגנאַל פון אַ טראַגישער ירידה אין אַלגעמיינער גייס־טיקער דעגענעראַציע. — אין „מודה אני" זינגט מ. נאַדיר אויס די טראַגעדיע, ווי דער „בלוטפאַראַד פון טויט" (ז. 155):

„עס איז ניט די צייט פּונעם דיכטער
זיין קרוין ליגט פאַרשעמט אין שטויב.
עס זינגען אויף דעכער די ראָבן
אין אייגענעם בלוט ליגט די טויב" (ז. 149).

און אין זיין „פינאַל", שטייט ער ווי „דער הירש אין טיפן וויי פאַרהאַלטן צ'ישן ביימערצווייי" (ז. 80). — מיט זיינע שטאָלצע הירשן־הערנער פאַרפלאָנטערט אינדערמיט פון וועלטס האַרמידער, קוקט ער מיט זיינע גרויסע בענקשאַפט־אויגן אויף צוריק, וואו —

„עס מאַניעט די בלאָסע, די אייביקע סטעזשקע
קריק צום זאַמדיקן ווייטן אַמאָל..." (ז. 165).

ער ווייס אָבער אויך אַז זיין בענקשאַפט נאָך דעם ווייטן אַמאָל, זיינען חלומות געבוירן אין דעם קרייז פון כישוף־רינג, וואו פּערס־פּעקטיוו איז איינגערעדט און מויזיש־קליין, דאָך ראַנגלט ער זיך אין דעם פאַרכישופטן קרייז ביז צו די לעצטע טעג פון זיין לעבן. —

„מיט נאַרישע גלעקלעך באַקרוינט,
איצט ווײַן איך דערויף — עס טוט באַנג
צו הערן אין טאָג פון דײַן טויט
פון פורים־גלעקלעך דעם קלאַנג“ (ז. 202).

אין משה נאַדירס שאַפן לעבט אַ טיפע ליבע און אַן אחריותדיק־קינסטלערישע באַציאונג צום יידישן וואָרט, וואו עס האָט אויפגעקוואָלט „אַ טרער וואָס האָט געפּלאַצט פון געלעכטער“ (ז. 79). אָבער הינטער דער לאַך־מאַסקע און דווקא דורך זײַנע סתירות דערפילט מען דאָס טראַגישע ראַנגלען־זיך און ברענגען צום אויסדרוק דעם מאָראַלישן תמצית אין זײַן עסטעטישן שאַפן:

„איך בין די צונג, וואָס איז אין ערד פאַרזונקען,
ווי אַ טויטער גלאָק, דאָך קלינגט דאָס אָפּט —
ווען ס'איז דער באַרג אין ים פון זון דערטרונקען
און בלויער טאָל — אין בלוט פון ווײַסע שאָף“ (ז. 198).

◆

„לעצטע געזאַנגען"

לידער פון א. אַלמי, אַרויסגעגעבן פון וואַרשעווער און פּראָגער יידן, אין אַרגענטינע, 1954

דאָס ביכל לידער באַשטייט פון דריי טיילן: „מיט פאַרבראָכענע הענט", „אַליין און באַנאַנד" און „אמר יוחנן הסנדלר".

כאָטש א. אַלמי האָט אויסגעזונגען אין „מיט פאַרבראָכענע הענט" זיין טיפן דראַמאַטישן פּאַטאָס איבער דעם גרויסן יידישן פאָלקס־אומגליק, פילט זיך אָבער ניט אַ וואַקסן אין זיין גרויסן ווייטאָקדיקן אויסשריי. — ווייל ווען דער דיכטער ווענדט זיך צו גאָט: „דו אכזר!" אידענטיפיצירט ער די נאַציישע אכזריות מיט דעם אַבסאָלוטן „אַלץ"; דאַן ווערט דער מהותדיקער ווערט פון דעם באַשולדיקער גופא צעריבן אין דער אַבסטראַקציע פון „גאַרניט".

אין איובס שטאַרבן מיט דעם „אל חי וקים" אויף די ליפּן ליגט ניט קנעכטישקייט אָדער פחדנותדיקע הכנעה, פונקט פאַרקערט, עס איז דער צייכן פון דער חשיבותדיקער פּערזענלעכקייט, און פון דער באַוואוסטזיניקער אָנגעהעריקייט פון דעם יחיד, צו דעם אַבסאָלוטן פּרינציפּ פון מאָראַלישער און עטישער חשיבות פון דעם כלל. — ווייל ווען מען רעכנט זיך אָפּ אויף אַזאַ אופן מיט דער געטלעכקייט פאַרלירט דער יחיד וועלכן עס איז אָנהאַלט אין דעם מאָראַל־עטישן סדר פון דער וועלט. אָבער דאָס איז דאָך אייגנטלעך דאָס וואָס דער דיכטער וויל ניט.

פון זיין צער'דיקן:

„שטייט אויף און קלאָגט אַרויס פון זיך דעם צאַרן און דעם גיפט" (ז. 16) ווערט צורת יחיד דעפּאַמירט, און עס —

„גלאַנץ מיין געשטאַלט
פאַרוואונדערט: ווער איז ער, אָט־דער,
וואָס דרייט זיך אַהין און אַהער?" (ז. 35)

און „יוחנן הסנדלר", דער האַרציקער בעל־נבון, וואָס האָט זיך באַהאַפטן מיט פרומער ליבשאַפט צו דער וועלט (ז. 62), וויגט זיך אין דעם צווישן פון אַהין און אַהער. די יידישע טראַגיק ווערט אַלץ טיפער, ווייל מען האָט אויפגעגעבן די גייסטיקע איינשטעלונג פאַר זיך און פאַר דעם כלל. — און די גייסטיקע איינשטעלונג קומט ניט דורך פאַרניינען, נאָר דורך אַפערמירן די פרינציפּן פון כלל אין אַ קאַמף פאַר אַן אייגן פּנים.

„בני אָדם יושבי חושך וצלמות
פאַרלאָשן איז אין אונז דאָס ליכט — דער עמוד אש —
פון אָבות.
מיט אויגן אויסגעלאָשענע, מיט אַ פאַרלאָשן לשון

— — — — — — — — — —

און אַ שוואַרצער פּחד שרייט אין אונז:
גאָט איז געשטאָרבן!" (ז. 15)

— — — — — — — — — —

אָט־דאָס איז דער גרונט־זין פון א. אַלמיס ליד אין „לעצטע געזאַנגען". דער פּחד פון דעם טויט פון דער געטלעכקייט אין דעם מענטשן, איז די סיבה פון זיין אבלדיק געזאַנג: ווייל „מיט געלער לאַטע און האַרץ מיט בראַנד" (ז. 17) איז דער עמוד אש פאַרלאָשן.

פאַר אים איז גאָט, גאָט־לעסטערונג, ווען דער מענטש איז ווי הפקרדיקער שטויב — אין ווילדן ווירבל פון ציקלאָנען". זיין הסברה וועגן געטלעכער התגלות געפינט ער אין דעם מענטשלעכן אַקט, וואָס טראָגט די קערנער פון סאָציאַלער לעבנס־פייאיקייט און האַר־

מאָנישער גאַנצקייט. זיין עקסטרעמע נעגאַציע פון אַ גאָט אין אַ וועלט פון מאָרד, דינט צו קאָנקרעטיזירן די פּרינציפּן פון געטלעכ־קייט דורך מענטשלעכע מעשים. גאָט און מענטש איז פאַר אים די אחדותדיקע קעגנזייטיקע השפעה אין דער זיו־השכינה. — זיין קול איז „דאָס קול פון דעם ייד מיט פלאַקערדיקער באָרד, געביילטער פויסט און גליענדיק וואָרט”. א. אַלמי רעוואָלטירט קעגן אַ גאָט־באַגריף וואָס נעמט אָן די פאָרעם פון טראַגישן חוזק, ווען ס׳רייסט הבל׳ס גסיסה־קול אַדורך דאָס שווייגן — און ס׳הילט אונז איין דער פלאַם פון דער עקידה” (ז. 24). אין „מיט פאַרבראָכענע הענט” אין דעם ביכל לידער „לעצטע געזאַנגען”, זינגט א. אַלמי ווי אַ מאָנער פאַר דעם טראַגיש באַליידיקטן כבוד פון זיין פאָלק, פאַר דעם צלם אלוקים.

אברהם פאַסירשטיין

(צום דערשיינען פון זיין בוך לידער „ניגונים ראַנגלען זיך", פאַרלאַג „אויפסניי", ניו־יאָרק, 1,54)

אברהם פאַסירשטיינס לידער זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם לייט־מאָטיוו פון אַליינקייט, אָבער גלייכצייטיק, אויך מיט אַ טיפן באַגער נאָך פרייד. מען פילט אַ ראַנגלעניש צווישן שאָטן און ליכט; צווישן טאָג און נאַכט. עס איז דעם דיכטערס קאַמף פאַר אַ תיקון:

כ'האָב באַגעגנט אַ ניגון וואַגלען אויף וויסטע וועגן,
ווי אַ שיף אַ צעשטורעמטע — פאַרלוירן אַלע ברעגן,
ווען עס גרייכט דער אַנקער נישט אין טיפעניש פון תהום. (ז. 5)

דער דיכטער געפינט זיין אינעווייניקסטן „איך" אין דעם גע־ראַנגל דורך וואַנדלונגען פון ניגונים אין די פרעמדע מרחקים פון דער וועלט, דורך ליבשאַפט; ווייל דאָס איז „די שכינה פון לעבן" (ז. 18). נישט די קאָנקרעטקייט פון ליבע איז דער דיכטער אויסן, נאָר ליבשאַפט ווי אַן אַבסטראַקטער באַגער, אַ שטרעבן, אַ בענקעניש, אַ חלום. אין דעם דיכטערס ליבשאַפט־קאָמפּלעקס מערקן זיך פיינ־פולע סימנים פון זוכן און ניט געפינען דעם נאָענטן באַריר פון רעאַליזירטער גאַנצקייט אין עמאָציאָנעלן אויסדרוק. און אָט וואָס עס דערציילט דער דיכטער גופא:

צווישן ברויט געראַנגל
אין אַ היים אַ פרומע, —
כ'האָב אַנטפּלעקט דעם ליבע סוד,
אין ספרים אַלטע, שטומע.

אין מיין יוגנטלעכער וויזיע,
געווען ליבע — אַ פּלאַטער־בילד;
ווי דער גייסט, דער ביבלישער —
געשוועבט איבער וואַסער־ווילד. (ז. 29)

פון דעם דיכטערס דמיונות׳דיקן שטראָם ווערט אַן איבערפלוס; און דווקא דער איבערפלוס פון אַ פּאַסירשטיינס ליד איז די פאָרם פון דער אַבסטראַקטער רעפּרעזענטאַציע פון ליבשאַפט:

האָט זיך די ליבשאַפט געטובלט אינעם בראשית פון טאָג;
פאַרוועבט זיך אינעם אָנפלי פון זוניקע שטראַלן,
פון דער זומער פרימאָרגן־שעה,
און האָט אויסטערליש צעשפּיגלט די זוניקייט
מיטן ליכט פון אש־להבהדיקע אויגן, גליאיקע:
ווי די אויגן פונעם תנא, רבי אליעזר...

— — — — — — — — — — —

אָבער אַלבאַסטער־הענט — צאַרט ווי זייד,
האַלטן מיך ווייט, נאָענט און ווייט:
אַ רעטעניש פון נאָענטקייט און פון מרחקים.
(אינעם צוויבער־נעץ, זז. 22־23)

עס איז אמת אַז גאָלד ווערט דערמאָנט אויף דעם מעטאַפאָרישן לשון ווי דער פאַרגלייך צו עכטקייט, אָבער, גאָלד האָט אויך די אייגנשאַפט צו ציען דעם אויפמערק און פאַרשאָטענען אַלץ אַרום זיך; לגבי מער געפילפולע מעטאַפאָרן איז דער גלאַנץ און יחוס אירער פאַרעלטערט. אין „מיין גאָלדן פאַרמעג" זאָגט דער דיכטער:

האָט מיך געצויבערט אַ מיידל מיט האָר ווי גאָלד. —
צי האָט זי פאַרכשופט מיין וועג?
זי האָט מיך פאַרבלענדט און איך האָב זי אויך האָלד. —
צי איז עס מיין גאָלדן פאַרמעג? (ז. 35)

דער דיכטער האָט דאָ אויסגעשפּינט אַ וויזיע פון אַ מיידל ווי גאָלד, אָבער אָן דעם נאָענטן און וואַרעמען צויבער, אין בליאַסק פון גאָלד. קינסטלעכע עכטקייט פאַרנעמט דאָ דעם אָרט פון עמאָציאָנעלער עכטקייט. איך באַטראַכט דאָס ווי אַ רעטעניש, וואָס קאָן געלייזט ווערן ווען מען באַקאַנט זיך מיט דער סתירהדיקייט פון דער אייגנאַרטיקער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט פון אברהם פּאָסירשטיין.

דער דיכטער האָט ניט קיין באַגער פאַר סתם פרייד; ער טראָגט אין זיך צער פאַר אַ בעסערער און פריידיקער וועלט־איינשטעלונג. פרייד איז אַן אויסדרוק פון באַהעפטונג מיט לעבן און מיטווירקנדיקייט אין לעבן און דווקא דורך „קליינע האָפערדיקע רייד" ווערט מען באַהאָפטן מיט דעם לעבן. דער דיכטער באַווייזט אַן אויפריכטיקן און פּאַטעטישן באַגער זיך צו באַהעפטן מיט דער וועלט, אָבער ער איז אויך גלייכצייטיק מרמז, אַז ער ראַנגלט זיך מיט התבודדות הנפש. עס איז אַ בענקעניש פון אַלע נעכט און טעג, „וואָס פאַרוועבט זיך מיט מיין יעדן וועגד און קער" (ז. 14). עס איז דער צער פון דעם יידישן וואָרט־קינסטלער אין אַ פרעמדער, קאַלטער וועלט. — צווישן דער פרייד וואָס בלאַנקט ווי גאָלד און דעם „טויער פון שמחה", ליגט אַן עבר וואָס האָט חלום־פרייד פאַרלענדט. דער ניגון, זיין נשמת־חי בלאַנדזשעט פאַרשטויסן אָן מקום־מנוחה, אין אַ ציוויליזאַציע וואו צורת יחיד ווערט אויפגעלייזט אין שמעלץ־טאָפּ פון אַבסטראַקטן קאָלעקטיוויזם.

עס איז אַ פרייד פאַראַן אין יעדן טאָג פון לעבן,

אָבער מען דאַרף האָבן די זכיה, זיך ניט צו געפינען אין —
מדבר פון עצבותדיקן שטרויכל מיט אַ שטיין אין האַנט.

ניט יעדער איינער איז זוכה איבערצוטרעטן די שוועל פון דעם טויער פון שמחה, „מען דאַרף היטן, אַז ניט נאָר זאָל דער טויער בלייבן אָפן נאָר אַז ער זאָל זוכה זיין ניט צו דאַרפן האַלטן אַ

שטיין אין האַנט״, ווייל מיט אַ שטיין אין האַנט וועט ער אויף יענער זייט וואַנט סיי ווי ניט דערגיין. ווען געלעכטער און פרייד זייגען מאָמענטן פון אייביקן באַגער און ניט פון קאָנקרעטער איבערלעבונג, ווערן די מאָמענטן פאַרוואַנדלט אין טרויער.

ס׳האָט זיך די שמחה פאַרבאָרגן,
פאַרמישט מיט אויפשטייג פון טרוימען,
ס׳רייסט זיך פון ערגעץ דער מאָרגן,
ביים ברעג פון אייביקע צוימען. („מינוטן פאַרגייען אין רוישן״)

אָבער אין אָנבליק פון דער טראַגעדיע פון דעם יידישן פאָלק, גייט טרויער איבער אין געלייטערטן גלויבן.

זאָגט דער דיכטער, אין דער „שעה פון טרייסט״:

לערן אונז טראָגן די וואונדער פון פאָלק,
פון טיפעניש הערן זיין קול.
לערן אונז שטאַרק זיין ווי אייזן,
און האַרט — אונזער אָרעם ווי שטאָל.
ווי שטאָל זאָל קלינגען גבורה,
וואָס הערט זיך אין אויפוואַך פון ליד.
ווייטיק וואָס טראָגט זיך פון חורבן
טאָר נישט צעברעכן ס׳געמיט. (ז. 6)

אָבער איבער אַלץ איז אברהם פאַסירשטיין דער מייסטער פון קאָלירפולן וואָרט. דער אַליינקייט־מאָטיוו פון „טויזנט סכנות״ פעדימט זיך און שפינט אויס אַ שקיעה אין אַ שפע פון צויבערדיק ליכט. אין דער פיל־פאַרביקער מיסטעריע פון בין־השמשות געפינט ער אָפּרו פון דער לעבנס־משא וואָס דריקט ווי בליי.

עס איז מיין געמיט אַ פליענדיקער טורעם:
שוועבט צעצונדן הויך אין דמיונותדיקער ווייט,
און פאַרברענט ווי שטרוי דעם כישוף פון יסורים,
אין געראַנגל פון טאָג און נאַכט פאַרבייט. (ז. 27)

אין זײַנע נאַטור־געזאַנגען דערפֿילט מען די האָפֿערדיקייט וואָס יערט טיף אין דעם קינסטלער און מיט אײַפֿערדיקער אויפֿגעשטראַלט־קייט זינגט ער:

פּלוצים ווי דער אָנקום פֿון אַ גוטער בשורה,
מיט יונג האָפֿערדיק, קינדיש פּנים,
האָט די זון זיך אַ צעשמייכלטע אַרויסגעגנבעט,
פֿון דער גרויער וואָלקן־תּפֿיסה...

ער פֿילט זיך ווי אַ דערלייזטער. ער שטייט מיט אָפֿענע, ברייט פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע אָרעמס בײַם ים:

איך קום צו דיר ים, צו באַוואונדערן דײַן גבורה,
וואָס שפּרייט זיך ווי אַ געטלעכער ריז פֿון איין עק וועלט,
צום אַנדערן...

צאַרט און סענסיטיוו איז זײַן אויג פֿאַר די נאַטור מיסטעריעס און דערפֿרישנדיק זײַן וואָרט. די אויגן לייכטן־אויף ברייט און ווייט אין דער ברויזנדיקער ימישער פּאַנאָראַמע:

צעשפּיגלט זיך הימל מיט שפּיגלען פֿון גאָלד,
און ים שפּיגלט צוריק,
און שפּרייט זיך אויס
מיט בלויען אַטלאַסדיקן בליק,
דורך גרינלעכע פֿאָרהאַנגלעך,
וואָס ציען זיך אַרײַן אינעם קופּער־געוועב,
מיט טולענעם שלעפּ. („אָ, נעם מיך מיט“, ז. 48)

אָבער אויך דאָ ברעכט זיך דורך די צער־נאָטע:

וואו גייסטו פֿאַסטעך רוישיקער
פֿון שעפּסעלעך פֿאַרלאָזענע,
ביי פֿרעמדן אומהיימלעכן ברעג? —
ווילסטו ברענגען דערלייז זייערטוועגן?
וואו איז דײַן אויסדערווײלטע היים? —
נעמט מיך מיט, אָ, נעם מיך מיט. (דאָרטן)

לייענענדיק „האַרבסט" באַצווינגט אייך דער דיכטער מיט אַזאַ געפּילפּולער עלעגישקייט, וואָס פאַנגט דאָס האַרץ און אויג. ניט נאָר איז אין „האַרבסט" קלאָר געצייכנט דער סוף־זומער, נאָר מען פילט ממש דעם אָטעם פון דעם האַרבסטיקן געמיט.

ס'שוועבט אין דער לופטן שפּריי — רעגן, געפּערלט ווי קינדישע טרערן,
און שטייגט צו דער זון אַרויף — פאַלט נישט אַראָפּ צו דער ערד;
ציט זיך ווי אַ כישוף אין לופטיקע ספערן,
און ווערט לאַנגזאַם פאַרצערט. (ז. 58)
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

ער שילדערט נאַטור־דערשיינונגען מיט אײדעלע ניואַנסן און מען ווערט באַהערשט פון די נחת־רוחדיקע פּערלדיקע שורות:

קאַרמען־רויט און בראָנז האָט זיך דער גרין פון די בלעטער געפאַרבט אַצינד
בריליאַנטענער טוי הענגט ווי אַ פאָרהאַנג אַרום;
ס'צירן זיך ביימער פאַרן אָנקום פון ווינט,
אַזוי ציטערדיק שטום. (דאָרטן)

אַברהם פאַסירשטיינס לידער איז כדאי צו לייענען מיט חוש־השמיעה, כדי אויפצוכאַפּן זיינע פיינע אויבערטענער. זיין קינסטלע־רישער חזיון האָט אַ פּערספּעקטיוו פון ווייטקייט; זיין וואָרט־פורעמ־דיקייט איז לייכט־שפּילעוודיק און ראַפינירט. ער איז דער דיכטער פון איינזאַמע שטילע טריט. אים איז פרעמד דער טאָן פון פינאַלער באַצווינגענדיקייט; ער לאָזט איבער צום לייענער צו שפּינען ווייטער דעם פאָדים. אין „ביי מוטער רחלס קבר" (באַלאַדע) צייכנט ער מיט סקולפּטור־פּרעציזקייט די פאַרבלאָנדזשעטע מאַמע פון דער שארית־הפליטה:

— — — — — — — — — — —

צוויי בליענדיקע קינדער אין פייער פאַרברענט.
זיי לויפן צו איר און רופן זי שטענדיק,
קומען אַרויס פון די טויערן;
זיי שוועבן אַראָפּ פון די בערג, פון דיביימער,
זיי לאַכן צו איר פון די מויערן. (ז. 101)

מען דערזעט פאַר זיך דאָס — פון־אומעט־צעאַקערט־אַלט פּנים פון דער מאַמען, וואָס זוכט אין אַ פאַרשטיקטן חלל, און „ס׳הויערט אַ בענקשאַפט, אַן עצבות אויף אַלעם; דער חלל זעט אויס פאַר־טראַכט״.

רעליגיעזער עקסטאַז שטייגט אין קרעשטשענדאָס ביים דיכטער:

איז מוטער־רחל פּלוצלונג דערשינען:
„הימל האָט דיין תפילה פאַרנומען״. —
פון איר פּנים אַזוי מילד שטערן־ליכט שטראַלט —
חסד און טרייסט אין איר קומען.

און דער עקסטאַז גייט איבער אין קרישטאַל־ריינעם גלויבן:

אַ קול הערט זיך וווייט ביז די בערג פון רמה:
רחל באַוויינט אירע קינדער. —
געוויין ווערט פאַרוואַנדלט אין מענטשלעך דערלייז,
אין אויפשטייג צום טורעם פון וואונדער. (ז. 103)

אברהם פאַסירשטיינס שורות זיינען אָנגעלאָדן מיט אינעווייניקס־טער קראַפט, וואָס שטויסט פאָראויס דעם דמיון פון דעם לייענער. דעם דיכטערס אויג איז געווענדט צו דער ביבלישער און נביאי־שער טראַדיציע. ער טראָגט אַריבער, מיט מייסטערשער לייכטקייט די מאָטיוון פון „דערהויבענער גלאָריע״ און „וואונדער פון אויפ־שטייג״ אין דעם עתיד פון ביטערן קאַמף פאַר גאולה. זיינע ווערטער זיינען הייליק, ווייל זיי אידענטיפיצירן זיך מיט מאָמענטן ווען „האָפע־

נונג פון צייטן, פון הונדערטער דורות, מאַכט הילפלאָז און מיד". ניט דער נס פון משיח אויף אַ ווייס פערד, נאָר די מאָמענטן פון כסדרדיקן קאַמף פאַר גאולה, וואָס קומט ניט מיטאַמאָל, נאָר דורך דער מסירת־נפשדיקייט פאַר דער גאולה־אידייע; דאָס באַווייזט דער פּאָעט, איז דער גרויסער נס.

אברהם פאַסירשטיין קאָן אויך ווערן אָראַטאָריש, אָבער מיט דער אַבסאָלוטער אָפּוועזנקייט פון באָמבאַסטיק:

צינד אָן דיין לייכט־טורעם, נביא, און ווייז דיינע וועגן
באַלויכטענע אין שיין פון דורות. —
דורך בלוטיקע שגעונות, דורך וויסטע געיעגן,
דורכן אַש פון פאַרברענטע ספרי־תורות. (ז. 107)

אין זיין רעטאָריק זיינען פאַראַן אויבערטענער פון תהילימדיקייט. די שורות זיינען ווי ניט פאַרענדיקט, ווי דער דיכטער וואָלט זיך אַ קער געטאָן צו פּנימיותדיקער שטילער מעדיטאַציע:

מיין תפילה פאַרן כסא הכבוד ווי אַ ליד,
וועל איך ביים צאַנקען פון אַ נר־תמיד־ליכט,
מיט צניעות־געפליסטער, מיט ליכטיק געזיכט,
צו עמעץ פאַרבאָרגן — אַנטפּלעקן ס׳געמיט. („אַ נר־תמיד")

אין דעם אויפבליץ פון אַן אוצר פון ליכט און אין דעם שלל פון עקסטאַז, פרייד און אומעט וואָס איז פאַראַן אין דעם נייעם בוך לידער פון אַברהם פאַסירשטיין, ציט זיך דורך, ווי אַ זיידענער שנור, דער מאָטיוו פון דער בין־השמשותדיקער שעה:

דאָס עצבות פון בין־השמשותדיקער שעה, וואָס שוועבט אַרום
אין גאַנץ באַשאַף האָט אין מיין געמיט שטיל און שטום,
איר שקיעה־צער אַריינגעצאַנקט;
— — — — — — — — — —

◆

„תאוות אונטער די שטערן"

דאָס איז דער טיטל פון דוד ראַפּאָפּאָרטס בוך לידער. און דער טיטל דריקט טאַקע באמת אויס דעם תוך און טעמפּעראַמענט פונעם דיכטער אין דעם בוך. — אַ טיף צעטרייסלטער פון דער טראַגעדיע פונעם יידישן דריטן חורבן קערט זיך אום דער דיכטער פון דער „לאַנגער בלוטיקער נסיעה". — קאָן ער נישט וויינען... צעגייט ער זיך אין אַ פאַרשטיקט געשריי:

אַריינגעטריפט טראָפּנווייז אומעטיקן געטראַנק. (ז. 70)

„אין שפּאַן אויף די גרענעצן פון מיין פוסטן באַוואוסטזיין,
אין פלי אויף די ברעגן פון דיין הימלשן ראַנד.
ערגעץ וואו געפינען וועל איך דיך, מיין גאָט,
און דיר אומקערן מיין נשמה מיט מיין פאַרשטאַנד". (ז. 16)

— — — — — — — — — — —

און דער צייכן פון שווייגנדיקן שוידער איז איינגעחתמעט אין די שורות פון „היינט ביינאַכט" (ז. 43):

„היינט ביינאַכט
האָבן לבנה שאָטנס
מיט שעכט־מעסערס
געקוילעט קינדער אין די וויגן".

— — — — — — — — — — —

מען פילט ווי ער וואָלט געוואָלט אויסשרייען, אַז דאָס געוויסן פון דער וועלט, וואָס האָט געשטומט אין דעם „גוישן טומאהדיקן וועלט־מבול" זאָל אויפצייטערן. וויל ער שרייען, ווערט זיין פנים צע־קרומט און אָן לשון... בלייבט ער שטיין מיט ליפּן פאַרקלעמטע אין פאַרשיכורטער פאַרצווייפלונג. קריצט ער מיט די ציין, ביילט

די פּויסטן און דער פאַרוואונדעטער ייִד שלעפּט אילזע קאָך פאַרן צאָפּ אויף דעם בבל־טורעם אַרויף! לעשט אויס די זון מיט זיין קאָפּ און שליידערט זי מיט פאַרלענדיקן צאָרן אין כף־הקלע (ז. 38). אין דער צערודערטקייט שפּאַנט ער ברייט־שורהדיק אין אַ וואַלד פון אומקלאָרקייט און צעשויבערטע אימאַזשן... ער וואַלגערט זיך אויף טראַטואַרן אין אַ מיסטעריעזן שלייער־טאַנץ פון לעבן און טויט (ז. 57). — גיט ער זיך איבער צו סעקסועלע תאוות.

דער אָפּטייל „תאוות" אין דעם בוך איז ממש אַ ליידנשאַפטלעכער אויפשפּאַר פון אינסטינקטיווע אויסברוכן. עס טראָגט דעם צייכן פון נקמה, מרידה אָבער אויך פון ירידה.

אַ צעכראַסטעטער אין שלאַבעריקן הילוך, שפּאַנט ער הפקר מיט זיין „יונגפרוי וואָס ברענט אין פייער־גיהנום פון תאוות". אָן דער בושה פון אדמ׳ען, איידער ער האָט פאַרזוכט פונעם עץ־הדעת, שפּרייזט ער אויף בלוטיקע וועגן און הײלן און שרייט נאָך גופישע באַגערן. אָבער זיין קול איז ווי פון אַ פאַרוואָרלאָזטן יתום וואָס האָט פאַר־בלאָנדזשעט אין די ווילדערנישן פון דעם אור־מענטש. וואַנדערט ער הפקר אָן ציל־באַוואוסטקייט און קאָן זיך מיט דער שפּאַרנדיקער סטיכיע קיין עצה ניט געבן. — שרייט ער אויס דאָס חוצפּהדיק געזאַנג פון תאווה. — פאַרשפּינט ער זיך אין אומפאַרשטענדלעכע אויסטערלישקייטן און ווערט פאַרשלונגען פון דעם פאַרצערנדיקן פייער, — „אירע עלאַסטישע לייב־קנייטשן וואָס גליען".

די „תאוות" לידער זיינען אַ מין „גאַלאָפּ־און־פאַראַכט קעגן מאָראַל־עסטעטישן אויסדרוק. — זיי מאַכן דעם איינדרוק ווי ער וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דעם מויל פון אַ פייער־שפּייענדיקן קראַטער און מיט טראַציקייט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט וואולקאַנישע אויסברוכן. זיין תאווה־ליד איז אַ כאַאָטישער צושטייער צו כאַאָס. דער בייטאָן איז ווי אַן אויסגעפּאַכעט פאַרשטיקט קול וואָס רייסט זיך פון אונטערערדישע ספערן. וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ מיט גלייכגילט אַלע בגדים... און זינגט דאָס ליד פון הייל־מענטש.

געשפּייזט מיט דעם פֿאַטאַלן כּוח פֿון דעם „פּוסטן באַוואוסטזיין" שפּרייזט ער אויף דעם צוריק־וועג:

„פּנים אל פּנים
האָב איך היינט גאָטס פּנים געזען!
— — — — — — — — — — —
אָ, די הייליקייט אינמיטן טראָטואַר,
און דאָ שוימט גאָר אַ מיסטקאַסטן". (ז. 52)
— — — — — — — — — — —

ער האָט אומגעקערט זיין חלק „נשמה און פֿאַרשטאַנד" און אין דעם קדמונדיקן הויל און בלויז זינגט ער:

„מיין עקסטאַז — אַ פֿייער־זייל תּאווה!
מיין באַגער דורשטיקט נאָך איר לייב.
— — — — — — — — — — —
איר רייץ פֿאַרצערט מיך אין פֿלאַמען
אירע גלידער פּענטן מיך צו דער ערד". (ז. 54)
— — — — — — — — — — —

„תּאוות אונטער די שטערן" איז פֿון דער סאָרט אָרגיע, פֿון וואָס משה איז אויפֿגעשוידערט געוואָרן, ווען ער האָט אַראָפּגעגנידערט פֿונעם הר־סיני און צעשמעטערט די לוחות.

פֿון דעם אָנגעצייכנטן באַקומט זיך אָבער ניט קיין פֿולער באַ־גריף וועגן דעם דיכטער דוד ראַפּאָפּאָרט. אימפּאָזאַנט זיינען זיינע נאַטור־לידער ווי סע איז למשל „פּאַיקס פּיק קאָלאָראַדאָ". ווען עס געלינגט אים זיך צו באַפֿרייען פֿון דעם האַרמידישן צערודער קומען מיר אין קאָנטאַקט מיט זיין פּאָעטישער עכטקייט ווי ער איז למשל אין זיין ליד „דערוואַרטונג":

„קער אויס די שטוב
פֿאַרבעט דאָס בעט

הײַנט װעט אונז באַזוכן
אַ הימלאַזער פּאָעט.

פאַרשפּרייט דעם טיש מיט אַ װײַסן טישטוך
שטעל אַװעק דעם לעקאַך מיט װײַן.
צינד אָן די לאָמפּן — אים איז קאַלט און אומעטיק
מאַך ס׳זאָל אים װאַרעם זײַן.

אויסגעשפּרייט דאָס האַרץ אויף די שװעלן —
אין בענקשאַפט האָבן זיך געבראָכן די פינגער פון די הענט;
אין שטילער אויפלייזערשער דערװאַרטונג
האָבן פאַרטייעטע שאָטנס אַראָפּגעװײנט פון די װענט״.

(„אויפסניי״, נומער 12)

„אויסגעשפּרייט דאָס האַרץ אויף די שװעלן״, — און די בענקשאַפט נאָך דעם דערװאַרטן גאַסט הויערט איבער דיכטער. בלאָנדזשען זײַנע אויגן אין „שטילער אויפלייזערשער דערװאַרטונג״. אין דער שטילקייט פון פאַרבאָרגענעם אומרו און אין די די „פאַרטייעטע שאָטנס״ איבער די װענט, דערפילט מען דעם אייגנאַרטיקן אָטעם פונעם דיכטער דוד ראַפּאָפּאָרט.

וואָלט וויטמאַן

„איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף
וועגן וואָס איך בין,
אָבער צוזאַמען מיט אַלע מיינע וואַגנדע לידער,
שטייט דער אמתער איך גופא, אַלץ אומבאַרירט,
ניט־דערציילט און בכלל אומדערגרייכט".
(געזאַנג פון זיך אַליין, סעקציע 9)

וואָלט וויטמאַן רעדט וועגן זיך ווי וועגן דעם אוניווערסאַלן „איך". ער רעדט וועגן זיך ווי איינער וואָס אַנטהאַלט אין זיך דאָס אוניווערסאַל אומצייליקע. ער באַנוגנט זיך ניט מיט עפּעס ווייניקער ווי דאָס לויטער־ריינע און די סאַמע אומענדלעכקייט. ער דערהויבט זיך צו פענאָמענאַלער אַבסטראַקטקייט וואָס אַבסאָרבירט אין זיך און איז כולל דעם אַבסאָלוטן „אַלץ".

ער פאַרנעמט זיך מיט איבערמענטשלעכער גבורה און מיט אַן אייגנאַרטיק רעליגיעזן פייער אַרומצונעמען דעם אוניווערס. די גרענעץ צווישן לעבן און טויט ווערט פון אים אָפּגעווישט. אַפילו טויט ווערט אַ פּאָזיטיווער באַשטאַנדטייל פון זיין עסטעטישן באַנעם. דאָך איז אין אים פאַראַן דער באַגער צו זינגען פאַר דער אַפערמאַציע פון לעבן, ווייל ער איז אין גרונט דער התפעלותדיקער דיכטער פון כלל־לעבן. זיין געזאַנג שיינט צו זיין אַ סאָרט אויספּרואוו צו הערן דעם ווידער־קלאַנג וואָס ער תקיעהט אויס אין דער אומענדלעכקייט. ער איז איבערפילט מיט אַ גלויבן, אַז ער טראָגט אין זיך דאָס ליכט וואָס וועט באַגייסטערן די קומענדיקע דורות. ער הייבט זיך אויף, איבער צייט און רוים, אין אַ לײדנשאַפטלעכקייט — פנים אל פנים מיט דער געטלעכער יצירה. און אין דער אַבסטראַקטער איבעראיכיקער דער־הויבונג צו דעם עולם הכלל געפינט ער זיין תמציתדיקן עיקר.

ער אידענטיפיצירט זיך מיט דעם אייביקן סדר העולם. דער ים שטראָמט מיט אומווידערשטייענדיקער קראַפט צו די ברעגן און אויך מענטשן ווי טראָפּנס אין ים, באַוועגן זיך אייביק מיט אָביעק־טיווער ציל־געוועגדקייט. די געזעלשאַפט איז פאַר אים ניט דאָס בלינדע געצייג אין קאַפּריזנע הענט פון יחידים, נאָר באַוועגט זיך אין די אָנגעצייכנטע גרענעצן פון אייביקער געזעצמעסיקייט אין גאָטס באַשאַף.

„דער אוניווערס איז אַ פּראָצעסיע
מיט געמאָסטענער און פּערפעקטער באַוועגונג"

(אדמס קינדער, סעקציע 6)

אָבער וואָלט וויטמאַן איז משיג זיין אוניווערס דורך איינגעמען די וועלט אין זיך האַק און פּאַק:

„איך טראָג אין זיך מיינע אַלטע טייערע משאות ———
איך טראָג זיי מיט זיך וואוהין נאָר איך גיי"

(געזאַנג פון שליאַך, סעקציע 1)

„און אַ ליד וועל איך שאַפן וועגן דעם איינס און כוללדיקן גאַר"

— — — — — — — — — — —

„איך וועל ניט שאַפן פּאָעמעס אין שייכות צו פּרטים
נאָר שאַפן וועל איך פּאָעמעס, לידער, געדאַנקען אין שייכות צום אַנסאַמבל,
איך וועל ניט זינגען אין שייכות צו אַ טאָג, נאָר אין שייכות צו אַלע טעג,
און איך וועל ניט שאַפן פּאָעמעס און אפילו נישט דעם מינדסטן טייל פון אַ פּאָעמע סיידן אין שייכות צו דער נשמה".

(אָנהויבנדיק פון פּומאנאָק, סעקציע 12)

און די נשמה איז ניט פון אימאַנענטן סוביעקטיוון „זיין", נאָר פון דעם אַבסטראַקטן כלל. זיין אַדרעס און ווענדונג איז לשון־הכלל. ער רעדט צו די טעכטער און זין פון לאַנד און דער וועלט. ער

רעדט צום לאַנד פון קוילן און אייזן, צום לאַנד פון גאָלד. ער שפּאַנט מיט ריזן־טריט אין דער נייער וועלט וואָס האַלט אין ווערן; אין גראָבן און אָנזאַמלען גאַנצע בערג מאַטעריעלע אוצרות. ער זינגט מיט די איבערטענער פון „אקדמות" און מיט דער אוניווערסאַלקייט וואָס דערמאָנט אָן דעם נביאישן סטיל. אָבער אין קעגנזאַץ צו די נביאים קומט ער צו גאָט־דערקענטעניש דורך דער אוממיטלבאַרער חושימדיקער וועלט.

„פאַרוואָס זאָל איך וועלן זען גאָט מער ווי אין דעם היינטיקן טאָג?
איך זע עפּעס פון גאָט יעדע שעה פון מעת לעת, און אַפילו יעדן
מאָמענט,
אין די פּנימער פון מענער און פרויען זע איך גאָט, און אין מיין
אייגן פּנים אין שפּיגל;
איך געפין גאָט'ס שריפטן פאַלן אויף די גאַסן, און יעדער איינער
איז געחתמעט אין גאָטס נאָמען,
און איך לאָז זיי דאָרטן, ווייל איך ווייס אַז אַנדערע אַזעלכע וועלן
מיט פּינקטלעכקייט שטענדיק און אייביק קומען".

(געזאַנג פון זיך אַליין, סעקציע 48)

פאַר אים איז דאָס גוטע ווי דאָס בייזע גלייכבאַרעכטיקטע מאָ־מענטן וואָס קריסטאַליזירן זיך אויס אין דעם אָביעקטיוו־פּערפעקטן סדר־העולם. די יידישע נביאים רעפּרעזענטירן דאָס פּערפעקטע וואָרט פון גאָט, וואָלט וויטמאַן שטרעבט צו דעם פּערפעקטן וואָרט פון דער וועלט. די נביאים קומען צו דער וועלט דורך גאָט, וואָלט וויטמאַן איז תופס די געטלעכקייט דורך דער וועלט.

„איך שווער אַז עס איז ניטאָ קיין גרויסקייט אָדער מאַכט
וואָס קאָן זיך גלייכן מיט די פון דער ערד".

(געזאַנג פון ערד, סעקציע 3)

ער דערהויבט דעם „איצט" צו אייביקער און קאָסמישער אַבס־טראַקציע:

„עס איז קיינמאָל ניט געווען מער תחילת ווי עס איז איצט".

(געזאַנג פון זיך אַליין, סעקציע 3)

ער אַליין אידענטיפיצירט זיך מיט דעם אָביעקטיוון אַלץ און דערגייט צו דער כפירה פון אַ קאָנקרעט־עקזיסטירנדיקן סוביעקט:

„איך בין גרעסער, בעסער ווי איך האָב געדענקט,

איך האָב ניט געוואוסט, אַז איך בין כולל אַזויפיל גוטסקייט".

(געזאַנג פון אָפענעם שליאַך, סעקציע 5)

און ווייל ער אידענטיפיצירט זיך מיט דעם אַבסאָלוטן אין־סוף, ווערט די פּערזענלעכקייט פּאַקטיש נעגירט. — און אויך דעריבער הערט זיך ביי אים די טראַגישע נאָטע ווען ער טוט זיך מיטאַמאָל אַ קער פון דער וועלט פון אַבסטראַקציע צו קאָנקרעטן „זיין":

„אָבער ווען איך הער פון דער ברידערלעכקייט פון פּאַרליבטע,

ווי עס איז דער שטייגער מיט זיי,

— — — — — — — — — — —

דאַן ווער איך טרויעריק פּאַרטראַכט — און איך שפּאַן שנעל

אָפּ פול מיט ביטערער קנאה". (געזאַנג פון אָפענעם שליאַך)

וואָלט וויטמאַן טראַנסצענדירט דאָס קאָנקרעטע און דאָס תיכפּדיקע און ער גרויסט זיך דערמיט:

„בין איך זיך סותר?

גו, זייער פיין... איך בין זיך סותר.

איך בין גרויס... איך אַליין בין כולל דאָס אומצייליקע".

(געזאַנג פון זיך אַליין)

„איך לאָז הערן מיין באַרבאַרישן אויסשריי

איבער די דעכער פון דער וועלט".

(געזאַנג פון זיך אַליין, סעקציע 52)

זיין הסברה איז האָריזאָנטאַל וואו די ווערטיקאַלע ליניעס ווערן לגמרי פּאַרשוואונדן. ער זוכט זיך צו דערגרונטעווען און קומען אין קרובה׳שאַפט מיט דעם גורם־הכלל. מיט שווינדלדיקייט רייט ער

אויפן רוקן פון דער וועלט. פאַר אים זיינען תחילת און סוף אומ־דיפערענצירטע מאָמענטן אין דער קאָסמישער אייביקייט, וואָס מער מיר ווילן קומען נעענטער צו אים, אַלץ מער באַגרייפן מיר די מיסטעריע מיט וואָס ער האָט אַרומגעשפּינט זיין פּערזענלעכקייט. זיין וועלט איז פּרימיטיוו און נעמט אָן בהדרגה אַ קוואַליטאַטיוו־רעגרע־סיוון כאַראַקטער:

„איך דענק, איך וואָלט זיך געקאָנט אומקערן
און לעבן צווישן חיות... זיי זיינען אַזוי צופרידן
און אין זיך איינגעשלאָסן,
— — — — — — — — — — —

(געזאַנג פון זיך אַליין, סעקציע 32)

אָבער אין זיין אומרו און שטויגען איבער זיין אייגענער מיס־טעריע וואָס קוואַלט אויף פון זיין רייכער פּאָעטישער פאַנטאַזיע פורעמט זיך אויס ביי דעם דיכטער דער גאָט־קאָמפּלעקס.

„איך הער און געפין גאָט אין יעדן קעגנשטאַנד,
דאָך פאַרשטיי איך ניט גאָט אין עצם,
איך פאַרשטיי ניט ווער עס קאָן זיין,
מער וואונדערלעך ווי איך גופא״.

(געזאַנג פון זיך אַליין, סעקציע 48)

וואָלט וויטמאַן איז די רעפּרעזענטאַציע אין דער פּאָעזיע פון דער דעמאָקראַטישער אַמעריקע אין אַ פּראָצעס פון ווערן. ער האָט אויסגעדריקט אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער אַן אוניווערסאַליזם, וואו די פּשוטע חשיבות פון יחיד ווערט אויפגעלייזט אין ריינעם אַבס־טראַקטן סימבאָליזם. דער סתם־יחיד איז זיין לייט־מאָטיוו. מיר קאָנען ביי אים נישט זען די ביימער צוליבן וואַלד. אומזיסט איז דעריבער אונזער מי אויסצושיילן די פּערזענלעכקייט פון וואָלט וויטמאַן אין זיין פּאָעזיע, ווייל איינשלינגענדיק דעם אוניווערס איז ער אַליין דאָרט פאַרשלונגען געוואָרן.

און אָט וואָס וואָלט וויטמאַן זאָגט וועגן זיך גופא:

„וואָס עס איז פאַראַן אין הינטערגרונט פון „בלעטלעך פון גראָז" איז עפּעס וואָס מעגלעך מערסטנס פרויען וואָלטן געוועז בכוח תופס צו זיין. עס ליגט הינטער יעדער שורה; אָבער פאַרשטעלט און מיט כיוון פאַרשטעלט; געוויסע פּאַסאַזשן זיינען מיט אַ כוונה געלאָזן אומקלאָר. עס איז עפּעס פאַראַן אין מיין נאַטור פון דער ביטרעקייט פון אַ הון! דו זעסט די הון וואַנדערן אַרויף און אַראָפּ אַרום די קוסטעס, כלומרשט ווי נישט איר מיינט מען. אָבער באַלד געפינט זי אַ פאַרבאַהאַלטן ווינקל, פאַרגנבעט זי זיך און זי לייגט אַן איי, און גייט זיך אַזוי אַוועק ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט! אַזוי האָב איך געפילט ווען איך האָב געשריבן „די בלעטלעך פון גראָז".

(„טעג מיט וואָלט וויטמאַן", פון קאַרפּענטער, ז. 38)